STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05912

YIDISH UN YIDISHKAYT

Joseph Opatoshu

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אָפּאַטאָשו

יידיש און יידישקייט

(עסייען)

וועגן אַלע ענינים וואָס זיינען שייך
דעמדאָזיקן בוך — זיך ווענדן צו

Livraria "Id-Kult"

RUA GENERAL CALDWELL, 187

RIO — BRASIL

יוסף אָפּאַטאָשו

יידיש

און

יידישקייט

(עסייען)

ריאָ דע זשאַניירא
1952

אַרויסגעגעבן דורך צבי יתום

ריאָ — בראַזיל

התשב״י—1952

י. אָפּאַטאָשו

אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן

1 — כ'בין געבוירן געוואָרן אין סטופּסקער וואַלד, הינטער מלאַ־ווע, אין ניטל, דעם 24־טן דעצעמבער, 1886.
(כ'האָב אָנגעשריבן א צענדליק דערציילונגען: „ניטל", „אין דער נאַכט פון ניטל").

2 — כ'הייס: יוסף מאיר אָפּאַטאָווסקי.
יוסף — נאָך מיין טאַטעס זיידע פון דער מוטערס צד, ר' יוסף טוכהענדלער, א קאָצקער חסיד און א רייכער שניט־סוחר. געוואוינט האָט ער אין טשעבאַנאָווע.
מאיר — נאָך מיינס אן עלטער־עלטער זיידע, דער לאָסקער און פּיעטערקאָווער רב ר' מאיר בר' אליקום געץ. ער האָט אָנגעשריבן די הקדמה צו זיין פּאָטערס ספר: „שו"ת אבן השהם". אין 1886, ווען איך בין געבוירן געוואָרן איז פּונקט געווען 200 יאָר פון ר' מאירס געבורט.
אָפּאַטאָווסקי — איינער פון מיינע זיידעס. ר' אליקום געץ, איז געווען אן אָפּטער אײַדעם (אַן ערך 1785) — אָפּטער־אָפּאַטאָוו — דערפון דער נאָמען אָפּאַטאָווסקי.

3 — אַז כ'בין אַלט געוואָרן פינף יאָר, אין 1891, זענען מיינע עלטערן אַוועק פון סטופּסקער וואַלד און האָבן זיך קריק באַזעצט אין מלאַווע. מיין פּאָטער האָט געהאַנדלט מיט וואַלד.

4 — מיין פּאָטער — דוד אָפּאַטאָווסקי.

5 — מיין מוטער — נאַנטשע (פון דער היים דאָמבקעוויטש).

6 — מיינע צוויי ברידער — משה געבוירן אין 1880 און פייוול־שרגא — 1883. ביידע זענען אומגעקומען מיט זייערע משפחות אין קאָנצענטראַציע לאַגערן.

7 — מיין פאָטער, געבוירן 1858, אין טשעכאַנאָווע, איז געווען אַ למדן אַ משכיל. ער האָט געשריבן העברעאישע לידער. אַלע העברעאישע שירים אין מיינע כתבים זענען זיינע. ער איז געווען פון די ערשטע טעטיקע חובבי־ציון. ער האָט געצויגן זיין אָפּשטאַם פון ר' מאיר פון טאַנהויזן, מיטל פראַנקאַניע (1530). דאָס האָב איך באַשריבן אין דער דערציילונג: „אַ שבת נאָכמיטאָג" — („ווען פוילן איז געפאַלן", זייט 214), אין 1906 איז מיין פאָטער געקומען קיין ניו־יאָרק. דווקא אין אמעריקע איז ער שטאַרק פרום געוואָרן און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קבלה. געשטאָרבן איז ער אין 1912 („טויט", באַנד 8, זייט 81).

8 — מיין מוטער, נאַנטשע, האָט געשטאַמט פון וואַלד־יידן. איר פאָטער, אברהם דאָמבקעוויטש, אַ רייכער אַרענדאַר, האָט נישט געקענט שרייבן. איך מאָל אים אין מיין דערציילונג „אין חשוונדיקע רעגנס" („ווען פוילן איז געפאַלן", זייט 208). מיין מוטער האָט יעדן שבת געלייענט די סדרה אין פויליש, אין צילקאָווס תנ"ך איבערזעצונג.

9 — כ'האָב כמעט אין קיין חדר נישט געלערנט. ביי פנחס דעם מלמד האָב איך געלערנט עברי. חומש האָב איך שוין געלערנט אין אַ ליטווישן חדר־מתוקן, ביי יוזשעלעווסקין, וועמען מיין פאָטער האָט אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע. ווען כ'בין אַנגעקומען אין דער רוסישער פאָלקסשול, צו סאַנינאָ'ן, צען יאָר אַלט, האָב איך שוין געלערנט ביים טאַטן, געלערנט העברעאיש און תנ"ך. צו צוועלף יאָר האָב איך געענדיקט די רוסישע פאָלקסשול. דער טאַטע האָט מיט מיר גענומען לערנען גמרא, מיט מיר און מיט מיין עלטערן ברודער פייוועש. אי זומער, אי ווינטער, זענען מיר זעקס פאַרטאָג שוין געזעסן און געלערנט. צו פערצן יאָר האָב איך

שוין געלערנט „מורה נבוכים”, דעם „כוזרי”, געקענט אַ שטיקל אבן־עזרא. צו פופצן יאָר בין איך אָנגעקומען אין וואַרשע אין אַ האַנדל־שול. מיין ברודער פּיוועש, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אין אָדעס אויף לערער־קורסן, האָט געשריבן אין יידיש און אין העברעאיש. די העברעאישע דערציילונגען האָט ער געדרוקט אין לאָנדאָן אין סובלסקיס „הדגל”. איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געשריבן. איך האָב אַ סך געלייענט. מיין פּאָטערס העברעאישע ביבליאָטעק האָב איך געקענט פון אויסוויינים. געווען פאַרליבט בין איך אין בערדיטשעווסקין, אין פּרצן. דעם ווינטער פון 1900 האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיט ר' אבי עד שר שלום באַזילהס „אמונת חכמים”, מיט זיינע ראיות, אַז דער שכל איז נישט אַלץ, אַן אינטערעסאַנטער איטאַליענער. כ'האָב שוין דעמאָלט געקאָנט די פּוילישע ליטעראַטור, די רוסישע.

10 — סוף 1905 בין איך אַוועק קיין נאַנסי, פראַנקרייך. כ'בין אָנגעקומען אויפן פּאָליטעכניקום, האָב גענומען לערנען אויף אינזשינער. סוף 1906 בין איך קריקגעקומען קיין פּוילן, נישט געהאַט קיין מיטלען צו שטודירן. דעמאָלט האָב איך אָנגעשריבן מיין ערשטע דערציילונג: „אויף יענער זייט בריק” און בין אַוועק מיט דער דערציילונג צו י. ל. פּרצן. כ'האָב עס באַשריבן אינעם אַרטיקל: „ווי כ'האָב י. ל. פּרצן געזען” (זאַמלבוך — „י. ל. פּרץ”, ליטעראַרישער פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1915, זייט 43).

11 — דעם עלפטן מערץ 1907 בין איך אָנגעקומען מיט דער שיף טראַווע קיין ניו־יאָרק, דאָ האָב איך געאַרבעט אין שעפּער, ביים פונאַנדערטראָגן צייטונגען (מיין ראָמאַן: פון ניו־יאָרקער געטאָ”), בין אָנגעקומען אין קופּער־יוניאָן אויף אינזשינער.

12 — סוף 1910 האָב איך אָפּגעדרוקט אַ צווייטן וואַריאַנט פון מיין ערשטער נישט געדרוקטער דערציילונג: „אויף יענער זייט בריק” (זאַמלבוך: „ליטעראַטור” 2).

13 — אין 1912 האָט זיך מיין: „אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב" גע־דרוקט אין זאמלבוך: „שריפטן 1". דער ראָמאַן איז געווען ברייטער פּאַרטראַכט. רחל, זאַנוולס געליבטע, איז געווען שרקה פון „אליין". דער „פערד־גנב" און „אליין" — איין ראָמאַן. קאַלעגן, וואָס האָבן געלייענט דעם ראָמאַן, זענען באַשטאַנען כ'זאָל שרהקן, ס'וואַלד־מיידל, צונעמען פון זאַנוולען. כ'האָב זיך געלאָזט איבעררעדן. זאַנוויל־שפּורן זענען אָבער געבליבן אין „אליין", וואָס האָט פריער גע־הייסן: „אַ ראָמאַן פון אַ וואַלד־מיידל" (געדרוקט אין „צו־קונפט, 1918").

14 — אין 1913 האָב איך אָפּגעדרוקט אין „שריפטן 2", „מאָריס און זיין זון פיליפּ". ס'זעלבע יאָר בין איך אוועק פון די „שריפטן" און האָב ארויסגעגעבן דאָס זאמלבוך: „די נייע היים", 1914, וואו מיין ראָמאַן: „פון ניו־יאָרקער געטאָ" האָט זיך געדרוקט.

15 — אין די יאָרן 1912־14 האָב איך אַ סך געלייענט די כראָני־קעס: „סדר החכמים וקורות הימים", וואָס נויבאַוער האָט אַרויסגעגעבן. כ'האָב זיך אַריינגעלייענט אין גרעצן, אין דובנאָוון.

דער מיטלאַלטער — גזירות, רדיפות, קידוש־השם. ווי האָבן יידן עס דורכגעלעבט? און אַז כ'האָב ביי דובנאָוון סוף ניינצנטן יאָרהונדערט אָנגעטראָפן די זעלבע גזירות און רדיפות, איז עס מיר געוואָרן קשה? האָב איך דאָך געלעבט אין דער פּויליש־רוסישער גרענעץ־שטאָט מלאַווע און זיך געחברט מיט יידישע און קריסטלעכע קינדער, מיר האָבן זיך צוזאַמען געבאָדן, צוזאַמען געשפּילט אין „פּאַלאַנט", צוזאַ־מען זיך געגליטשט און געשפּאַצירט און אַז גזירות — זע־נען זיי געווען אויפן פּאַפּיר — יידן האָבן די גזירות נישט אָפּגעהיט. מלאַווע איז געווען אַ חסידיש־מולכישע שטאָט. און אַז ס'איז געקומען שבת, ס'איז געקומען אַ יום־טוב, זע־נען די קריסטן געווען אין גלות ביים ייד. און איך האָב זיך

געטראכט: „אויב ס׳ניינצנטע י״ה ווערט אזוי פינצטער באַ־שריבן פון אונדזערע היסטאָריקער, ווער ווייסט צי זיי טרייבן אויך נישט איבער מיטן מיטלאַלטער?״ און זיי האָבן איבערגעטריבן. חוץ דעם האָבן זיי אונדז בלויז געגעבן דעם „שבת״ און דעם „קידוש־השם״. די זעקס וואָכעדיקע טעג האָבן זיי דורכגעלאָזט. דער דורכגעלאָזטער „אינדערוואָכנס״ האָט מיך געטריבן צום היסטאָרישן ראָמאַן, האָט מיך גע־טריבן כ׳זאָל אָנשרייבן „אַ טאָג אין רעגנסבורג״, כ׳זאָל געבן דעם עם־הארץ פון ר׳ עקיבאס צייט, כ׳זאָל געבן דאָס אינדערוואָכנס נישט בלויז פונעם עם־הארץ, נאָר אויך פון ר׳ עקיבאן און פון זיינע תלמידים.

י. אָפּאַטאָשו

ניו־יאָרק, מאַי, 1950

יצחק לייבוש פרץ

סוף ווינטער 1915. דער וואַרשעווער גמינע־הויף איז איבערגעפּאַקט מיט פּליטים פון גאַנץ קרוין־פּוילן. ביי טאַטע־מאַמע פרירן קינדער אויף די הענט, גייען אויס פון הונגער. ביי זיידע־באָבע פירן טרערן אין די אויגן.

די גמינע אַליין זעט אויס ווי אַ הקדש. קראַנקע ליגן אויף בעטלעך, אויף שטולן, אויפן דיל. דער פאַרוואַלטער פונעם וואַרשעווער בית־עולם, אַ מיטל־הויכער, פעסט־געבויטער טראָגט זיך פון איין בעטל צום אַנדערן מיט אַ שווערן געעלטערטן טראָט, סיפּנים טונקל, אָפּגעצערט. די וואָנסן פאַרשטעלן די אונטער־שטע ליפּ. ס׳קומט אונטער אַ דאַר, אויסגעצערט מענטשל. ביידע גייען צו צום פענצטער. דער פעסט־געבויטער ווייזט מיטן פינגער אויף דעם גמינע־הויף:

— זעסט דאָרט דעם ייד לעבן דער סוכה? דערקענסט אים נישט? ס׳איז דאָך באָנטשע, באָנטשע שווייג. איצט דערקענסטו אים שוין? דער האַלב־פאַרפרוירענער ייד לאָזט מיך נישט אָפּ, נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט, גייט מיר נאָך און מאָנט און מאָנט:

— באָנטשע שווייג בין איך. גענוג צרות שוין געהאַט. וואו איז דיין פּמליא של מעלה, פּרץ? וואו איז דיין גן־עדן? לאָז זיין אַ בולקע כ אָ ט ש אָן פּוטער! זעסט נישט, אַז איך גיי אויס פון הונגער?

— גערעכט איז געווען דער ליטוואַק, — האָט דער פאַרוואַלטער פונעם וואַר־שעווער בית־עולם ווייטער גערעדט — וואָס האָט מיר געשריבן מיט יאָרן צוריק, אַז אין באָנטשע שווייג האָט ער דערקענט די כנסת־ישראל. אָט דערקען איך איצט אין דער כנסת־ישראל דעם געפּלאָגטן באָנטשע שווייג, וואָס בעט כ אָ ט ש אַ בולקע אָן פּוטער, בעט אַ שטיקל טרוקן ברויט. און קיין ברויט איז נישטאָ.

— און דעם הויכן ייד, טאַקע „משכמו ומעלה" — דעם ייד דערקענסטו? די באָרד — אַ לאַנגע, אַ פאַרשנייטע. ברעמען — ווייסע, דיקע, לאַנגע. און אַז ער הייבט אויף די ברעמען — איז רבונו של עולם — אויגן חלפים, בלאַנקע חלפים קוקן אויף דיר. ס׳איז דאָך דער בריסקער רב, וואָס זיצט שוין דאָ דעם דריטן טאָג און זאָגט „איכה" — קלאָגט ס׳קלאָג־ליד פון אונדזער חורבן וואו ס׳איז נישטאָ קיין איין טרייסט־וואָרט, וואו ס׳איז נישטאָ קיין שטיקל שטראַל פאַר אונדזער מאָרגן. דערפאַר טאַקע האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט איבערזעצן „איכה" אויף יידיש. דעם נ ע כ ט ן טראָגן מיר, יידן, אין זיך. מיר דאַרפן דעם מ אָ ר ג ן, מיר דאַרפן כוח אַריבערצוטראָגן דעם ה יי נ ט.

— שוין וואָכן, ווי כ׳קוק מיר די אויגן אויס, כ׳זוך אַרום אויפן גמינע־הויף דעם ביאַלער רבין, כ׳זוך די שטענדיקע פרייד פון זיינע טונקעלע אויגן. כאָטש אַליין — קרוע־בלוע — איז ער קיינמאָל נישט פאַרביטערט, שטענדיק אויפגעלייגט, האָט אַ גוט וואָרט פאַר יעדן איינעם. דער ביאַלער רבי האָט בעסער געוואָלט זיין אין גיהנום מיט כל־ישראל, איידער מיט יחידים אין גן־עדן. און אַז מיר האָבן שוין ס׳גיהנום, האָף איך, אַז דער ביאַלער רבי וועט יעדע מינוט אָנקומען.

אַזוי האָט פּרץ גערעדט, צי געדאַרפט רעדן, צו דינעזאָנען אַ חודש פאַר זיין טויט. ווען דער שונא האָט זיך געריסן קיין וואַרשע.

מיט יאָרן קריק, נאָך אין מלאווע, האָב איך איינמאָל ווינטער, אין אַ שבת-צונאַכט, פאַרבלאָנדזשעט צו מיינס אַ פעטער, וואָס האָט אויפגעקויפט פערד פאַר בערלינער דייטשן. די שטיבער ביים פעטער אָנגעהייצטע, האָבן געשמעקט מיט קין, מיט פרישן פערד־ריח, מיט געבראָטנס. ביים פעטער האָב איך געטראָפן אַ חברה פערד הענדלער און פערד-יונגען... מען איז געזעסן אין די שפּענצערס, אין די וועסטן, ארום אַ פירעקיקן טיש איבער ליידיקע גלעזער טיי. טייל האָבן אָנגעשטעלט די רויטע, צעשמיסענע פּנימער מיט בערד און אָן בערד, אַנדערע האָבן אראָפּגעלאָזט די קעפּ, און די גאַנצע חברותא האָט זיך צוגעהערט, ווי קיווקע „סיבירניק" האָט פאַר־געלייענט אַ מעשה-ביכל. כ'האָב זיך געוואָלט צוזעצן ביי דער טיר, אַבי נישט צו שטערן, האָט דער פעטער מיך באַמערקט און אַ געשריי געטון:

— גוט-וואָך, יוסף! וואָס עפּיס ביי דער טיר? קום צום טיש! און וועסט אונדז פאַרלייענען פון דעם, ווי הייסט ער דאָרט? אוי, איז דאָס אַ ליִן! מען בלייבט דאָך פון אים אָן זייטן! כ'מיין אפילו דאָס שטיקל מיטן טעפּל, וואָס כ'האָב געהערט אַנומעלט ביי אייך — — —

— איר מיינט שלום-עליכמען?

— יאָ, יאָ — האָט דער פעטער זיך אַ שטעל געטון און מיך אוועק־געזעצט ביים טיש.

— האָב איך דאָך נישט דאָס ביכל מיט מיר.

— נישט קיין מאַליער — האָט דער פעטער זיך אריינגעקוועטשט מיט זיין בענקל אויבן אָן — פישל וועט אַריבערלויפן און עס ברענגען.

איידער כ'האָב צייט געהאַט אויסצוטרינקען דאָס גלאָז טיי, וואָס די מומע האָט מיר דערלאַנגט, איז פישל שוין צוריקגעקומען מיט אַ גאַנצן שטויס ביכער און ביכלעך און האָט זיי אַ שאַט געטון איבערן טיש.

מען האָט ווידער אָנגעגאָסן טיי. פון קיך האָט זיך געטראָגן דער ריח פון געבראָטנס, דאָס קוואַקן פון אויסגעלאָזטע גריוון מיט ציבעלעס. דער עולם איז געוואָרן אויפגערוימטער. איין קיווקע „סיבירניק", מיטן יונגען פאַרמעטענעם פּנים, מיט די בלויע קינדישע אויגן, וואָס האָט זיך שטענדיק ארומגעטראָגן מיט מעשה-ביכלעך אין די קעשענעס, איז געזעסן איבער זיין גלאָז טיי און האָט קיין שמייכל נישט געטון. די שטאָט האָט מורא

געהאַט פאַר קיווקען, געטענהט אין דער שטיל, אַז אַזאַ איינער, וואָס איז אָפּגעווען פינף יאָר אויף קאַטאָרגע, קען אַלץ אָפּטון.

כ'האָב אויפגעמישט „חנוכה געלט". פון ערשטן בלעטל האָט דער עולם אָנגעהויבן לאַכן. און מיין פעטער, אַ צעוואַקסענער פאַרשוין, האָט נישט געקענט איינזיצן אויפן בענקל. ער האָט געהויבן די האָריקע הענט, פאַריסן דעם קאָפּ מיט דער רויטער באָרד, געקייכט, אַז טרערן, ווי אַר־בעס, האָבן זיך געקייקלט ביי אים איבער די באַקן, זיך איינגעזאַפּט אין זיין געדיכטער באָרד, ווי אין אַ שוואָם. די יונגען האָבן אָפּגעוואָרפן די פיס, זיך געפּאַטשט אין די כאַליעוועס, אין די געפּאַסטע הויזן און די מומע מיט דער דינסט האָבן אַלץ איבערגעלאָזט אין קיך, געווישט מיט די פאַר־טעכער די נעז און זיך געשטיקט פון געלעכטער. איך אַליין בין אַזוי אָנ־געשטעקט געוואָרן פונעם לאַכן, אַז די ווערטער, וואָס האָבן זיך ביי מיר אוועקגעשטעלט אין האַלדז, זענען אַרויס מיט אַ קוויטשל און די גרויסע, אָנגעהייצטע שטוב מיט די צעפלאַמטע פּנימער האָבן זיך געפּרעגלט פון נחת. איין קיווקע האָט נישט געלאַכט. זיין פאַרמעטן פּנים האָט זיך גע־פעלדלט און זיינע בלויע אויגן האָבן געקוקט איבער מיר, געקוקט ערגי־ץ אין אַ פינטל, אַז ס'איז מיר אומהיימלעך געוואָרן. ווען כ'האָב געענדיקט איז דער עולם געבליבן אָן כוחות, האָט זיך געהאַלטן פאַר די זייטן און געדעכעט, ווי נאָך אַ וועט־געלויף.

— אַי, אַ ליץ! — האָט מיין פעטער זיך געפּאַטשט מיטן היטל איבער זיין צעהיצט פּנים.

— מען האָט די מעשה געדאַרפט איבערלאָזן אויף שפּעטער — האָט קיווקע זיך אָנגערופן — מען האָט געדאַרפט מיט דער מעשה פאַרבייסן די גאַנדז, וואָס בראָט זיך אין אויוון.

— וואָס, קיווקע, די מעשה האָט דיר פאַרשלאָגן דעם אַפּעטיט?

— ניין — האָט קיווקע אַ שמייכל געטון — כ'זאָג עס צוליב דעם, ווייל לאַכן איז ווי כריין, ביידע רופן אַרויס טרערן און העלפן פאַרדייען אַפילו אַ לעדער.

— גיי, קיווקע, ביסט אַ טרוקענער ביין — און דער פעטער האָט זיך אַ דריי געטון צו מיר — יוסף, לייען נאָך עפּיס.

— טאַטקע, לייען נאָך עפּיס — האָבן די פערד־הענדלער מיך געבעטן.

כ'האָב אויפגעמישט פּרצעס „דריי מתנות". דער פּראָסטער עולם,

וואָס האָט גלייך נישט געכאַפּט וואָס איך זאָג, נישט געקענט צעקייען די עברי, האָט אָנגעהויבן צו רוקן די בענקלעך, זיך געבויגן נענטער צו מיר מיט אַן אָנגעשטעלט אויער. די פּערד-הענדלער זענען בײַסלעכווייז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער מעשה. די שטילקייט האָט אָנגעהויבן ווערן געדיכטער און די ווערטער, וואָס זענען געפאַלן מיט אַ קלימפּער, האָט מען געקענט ציילן. פון הינטער קאָלירטע שפּענצערס און וועסטן האָבן הערצער געזיפצט, שווער אָפּגעהילכט, ווי די קלעפּ ביים זאָגן „על חטא". און אַז כ'האָב געענדיקט לייענען איז די שטילקייט געוואָרן נאָך טיפער, אויפּגעהויבענע הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, אַראָפּגעלאָזטע — האָבן זיך נישט אויפּגעהויבן. און ס'האָט אויסגעזען אַז דאָס מענטשלעכע וואָרט האָט זיך פאַרשעמט פאַר די „אויסטערלישע מתנות", וואָס בלישטשען ווי אוצרות און ס'פאָלק גאַרט, בענקט און זוכט אַרום די מתנות. די פּערד-הענדלער, די פּערד-יונגען — עולם-הזה'ניקעס — זענען געזעסן שטומע, גלייך זיי וואָלטן אויף זיך גענומען אַ שווערע תשובה, געוואָלט פון זיך אַראָפּוואַרפן א חטא. אַן עלטערער פּערד-הענדלער האָט אַרויפגעלייגט פּרצעס דיקן באַנד שריפטן אויף זיין ברייטער האַנט-פלאַך, געוואויגן ס'בוך און שטיל, מיט אַ זיפץ, אַ זאָג געטון:

— אַזאַ שווערן „קב הישר" זע איך ס'ערשטע מאָל.

און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ שמועס ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַרײַן וועגן יידן, וואָס זענען אומגעקומען אויף „קידוש השם".

צומאָרגנס איז צו מיר אַריבערגעקומען קיווקע „סיבירניק", האָט געבעטן כ'זאָל אים געבן נאָך „אַזעלכע זאַכן", און אין אַ יאָר אַרום נאָך סוכות, ווען פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך געלאָזט רעקרוטן אין שטאָט אַרײַן צו די „לאַסאַוואַניעס", איז קיווקע אומגעקומען. מחנות שייגאָצים האָבן גענומען שלאָגן יידן אויפן מאַרק, צעבראָכן זייערע שטעלן סחורה. קיווקע האָט זיך אַרײַנגעריסן צווישן פּעוול מיט אַ דרענגעל אין האַנט, אָפּגעשלאָגן די גוים ביז ער איז אַליין געפאַלן אין אַ טייך בלוט.

א נשמה, אַ נע-ונד'-ניצע, האָט אַ כאַפּ געטון קיווקעס דרענגעל און איז אַרויף מיט אים צו דער פורטקע פון הימל.

די אויסטערלישע מתנה איז אָנגענומען געוואָרן.

דעם דריטן אפּריל, 1945, איז געוואָרן דרייסיק יאָר ווי פּרץ איז טויט. פאַר די דרייסיק יאָר האָט פּרץ דורכגעמאַכט אַ סך גילגולים. כמעט יעדעס יאָר צו פּרצעס יאָרצייט האָט מען גענומען נישטערן צי מען האָט נישט חס-וחלילה איבערגעשאַצט דעם נפטר. און דאָס איז געטאָן געוואָרן פאַרן כבוד פון דער יידישער ליטעראַטור. מען פלעגט האַלטן אין איין טאַשן און טאַלירן די נעמען. אין 1912 איז דער נוסח געווען — פּרץ, שלום-עליכם, מענדעלע. אַ צען יאָר שפּעטער — שלום-עליכם, מענדעלע, פּרץ. און היינט? די פּרץ-רעוויזיעס האָבן כמעט ווי אויפגעהערט. און מען הייבט שוין ווידער אָן צו הערן דעם אַמאָליקן נוסח — פּרץ, שלום-עליכם, מענדעלע.

איך האָב גרויס דרך-ארץ פאַר יידישער טראַדיציע, פאַר יידישער מסורה. כ'האָב אָבער מורא, אַז דער נוסח — „אונדזערע קלאַסיקער" — וואָס מיר רעדן אַרויס אין איין אָטעם, האַלט זיך אין אויסליידיקן. און די געפאַר ליגט נישט אינעם „חוט המשולש" פון די דריי גרויסע קינסטלער, נאָר אינעם פאַרטיקן נוסח, אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף אָוועק אי-בערן שליאַך פון די קלאַסיקער.

פרעגט זיך:

האָבן טאַקע אונדזערע קלאַסיקער געהאַט איין שליאַך? נישט אמת. מען קען נישט רעדן אין איין אָטעם וועגן „זיידע מיטן אייניקל". סאַטירע און הומאָר פאָרן זיך נישט. הומאָר איז אַ העכערע מדרגה ווי סאַטירע. געלעכטער פאַרטרייבט האָס און שלעכטס, מאַכט די וועלט שענער.

און אויב מען קען נאָך געפינען אַ בשותפותדיקן טראַקט צווישן מענדעלן און שלום-עליכמען, דאַרף מען האָבן אַ הארבן מהרש"א אַרויפ-צופירן פּרצן אויפן זעלבן טראַקט.

און דאָ גייט נישט וועגן טאַלאַנט. שלום-עליכם און מענדעלע זענען גרויסע שרייבער, גרויסע טאַלאַנטן. מען פרייט זיך ווען מען לייענט זיי, מען טרויערט, ווען מען לייענט זיי. און דאָס זענען הויכע מדרגות.

פּרצן אָבער לייענט מען נישט. **פּרצן דאַרף מען אַליין איבערלעבן.**

פאַראַן קינסטלער, וואָס טראַכטן אין געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס. זיי טראָגן אין זיך אַרום אַ חוץ ס'אייגענע פאָלק אויך קיבוצים און פעלקער.

אין קיבוצים, אין פעלקער, אין געשיכטלעכע קאטעגאריעס דארף מען זוכן פרצן. און פריער, צי שפעטער, וועט די יידישע קריטיק קומען אהין.

פרץ איז פון די געציילטע דיכטער, וואס האבן געוואלט אין יידישן לעבן געפינען א בארעכטיקונג. אזא דיכטער איז געווען ר׳ יהודה הלוי. ער האט אין זיך געטראגן ס׳גאנצע יידישע פאלק. אין אנהייב פון צוועלפטן יארהונדערט האט ער געזאגט: „כי לא היתה מעלתם בעבור משה, אלא מעלת־משה היתה בעבורם״ — יידן זענען נישט געווען אן אויס־דערוויילט פאלק א דאנק משה רבינו, נאר פארקערט — משהס גרויסקייט נעמט זיך פונעם יידישן פאלק, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. דא האבן מיר שוין שד״לס גאנצן וועלט־קוק, זיין „אברהמיזמוס און עטיציזמוס״. יהודה הלוי האט א ווארף געטון ס׳גרויסע יידישע ווארט, וואס ס׳לעבט נאך היינט אין אונדז — „ואל תשיאך חכמה יונית, שאין לה פרי כי אם פרחים״ — לאז דיך נישט פארפירן פון דער גריכישער פילאזאפיע, וואס האט בלויז בלומען, אבער נישט קיין פרוכטן. אט־דער הלוי מיט זיין בענקעניש נאך ציון האט דערהויבן אונדזער גלות. ער האט געשאפן א גלות־פילאזאפיע, וואס גיט אונדז כוח ביז דעם היינטיקן טאג. דאס האט ער אין אנהויב פון צוועלפטן יארהונדערט געזאגט:

„ישראל באומות כלב באיברים״.

אזוינע דיכטער טראגן נישט אין זיך בלויז א וועלט. זיי טראגן אויך אחריות פאר דער וועלט. זייער וועלט איז נישט בלויז דערפארונג, וואס ס׳אויג זעט, וואס ס׳אויער הערט — ס׳איז אויך נשמה און אחריות.

יידישקייט, סאציאלע גערעכטיקייט איז ביי זיי א דראנג צו ווערן איינס מיט די פארגאנגענע דורות, מיט דער מענטשלעכער גאנצקייט, מיט דער אייביקייט.

דאס איז געווען דער וועג פון יהודה הלוין, דער וועג פון יצחק לייבוש פרצן.

מען טאר זיך נישט ווארפן מיט אונדזער מוסר־ליטעראטור, קוקן אויף איר, ווי אויף א ירידה אין פארגלייך מיט דער נאכגעשריבענער, פלאכער מעשה פון יידישן מיטלאלטער, וואס איז אויסגעגאנגען בנשיקה, ווען זי האט זיך געוואלט שטעלן אויף די אייגענע פיס.

אונדזער גאַנצע מוסר־ליטעראַטור אויף יידיש האָט זיך באַוויזן אין אַ צייט פון גרויסן פאָלק־יאוש און טיפן צער. גירוש־שפּאַניע, די דרייסיק יעריקע מלחמה, גזירת ת״ח — אַ נאַציאָנאַלער חורבן אין אַלע אייראָפּיי־אישע ישובים. וואָס פאַר אַ פּנים האָט ביים ייד געקענט האָבן די „וועלט־לעכקייט״, וואָס איז אַזוי גלייכגילטיק געווען צו זיינע צרות, וואָס האָט זיך געבאָדן אין יידיש בלוט?

דער ייד, אַ געיאָגטער, איז אַוועק צו זיך, האָט דאָרט געזוכט אַן אָנלען, אַ שטיקל נחמה. און ער האָט געפונען אַ טרייסט אין די כוחות, וואָס האָבן געשלאָגן אין די טיפענישן פון פאָלק, אין דעם היסטאָרישן דראַנג צום לעבן — אינעם יידישן מוסר און אין דער יידישער עטיק.

דער „בראַנטשפּיגל״, דער „לב־טוב״, די „צאינה־וראינה״ און דער „קב־הישר״ האָבן געמוזט זיין מער ווי ליטעראַטור, אַנדערש וואָלטן די ברייטע יידישע מאַסן זיך נישט געקענט אויסלעבן אין די דאָזיקע ספרים אויף יידיש. אַנדערע ספרים, ווי די לירישע „צאינה־וראינה״, וואָס האָט אונדז באַפרייט פון מיטלהויכדייטש איז געווען דער רוקנביין פון אונדזער יידיש. דאָס ספר איז געווען איבער דריי הונדערט יאָר (און ס׳איז נאָך טיילווייז היינט) דאָס טישבוך, די ביבל, פון דער יידישער פרוי.

די מוסר־ליטעראַטור, וואָס איז פול געווען מיט התלהבות און אַסקע־טישן ברען, וואָס איז רייך מיט אַזוי פיל סאַוואָנאַראָלעס, האָט אַרויסגע־רופן אַ מאַסן־באַוועגונג, ווייל די מוסר־ליטעראַטור האָט געשטעקט מיט ציין און נעגל אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, האָט זיך געקלאַמערט צו דערווירקלעכקייט. דער מוסר האָט פון אַ לעבנס־קוק זיך שפּעטער דערהויבן צו אַ וועלט־קוק.

די תנ״ך־איבערזעצונגען פון בליץ און וויצנהויזן האָבן זיך נישט אָנגענומען ביים יידישן פאָלק, ווייל אין תוך זענען די איבערזעצער גע־ווען „משכילים״. בליץ האָט זיין איבערזעצונג געשריבן „לויט די כללים פון לשון אשכנז״ און נישט ווי די טייטש־חומשים, וואָס האָבן זיך נישט געהאַלטן „לפי טבע לשון אשכנז״.

בליץ האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס די „צאינה־וראינה״ איז „אייטל מדרשים ואגדות זרות״, וואָס יצחק גייט אין בית־המדרש אַריין דאַווענען מנחה, יעקב לערנט אין דער ישיבה פון שם־ועבר. ער זעט אין דער גאַנצער פאָלק־ליטעראַטור „אייטל שבושים״. אין שמואל־בוך גיט

דער נביא עסן שאולן — געפילטע פיש און הון. דוד פלאַנט צו פאַרקויפן גליתעס כלי־זיין, ווייל ער קען דערפאַר קריגן אַ סך געלט.

דער משכיל בליין האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אַנשטאָט אָפּצומאָלן די אבות, האָט דער מחבר פון „צאינה־וראינה" געמאָלן זיך און טאַקע דערפאַר איז זיין ספר געוואָרן אַזוי צוגענגלעך, האָט אַן אָטעם געטאָן דורך די אבות מיט וועלטלעכקייט.

די השכלה פון יידישן מיטלאַלטער, צי פון נײַנצענטן יאָרהונדערט האָט נישט מיטגעריסן מיט זיך קיין מאַסן, ווייל זי איז געקומען פון דרויסן, האָט גערעדט צום פאָלק אויף פרעמדע שפּראַכן, איז שטענדיק געווען אַסימילאַטאָריש. מען דאַרף פריער שטעקן אין אייגענעם פאָלק, טראָגן אין זיך דאָס געוויסן פון פאָלק און דערנאָך ערשט קומען מיט **איבערצייגונגען.** דעריבער טאַקע איז דער כלי־זיין פון דער השכלה, איר וועלטלעכקייט, אויך שטענדיק געווען אַן אויסערלעכע.

גליקל האמיל, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף דער מוסר־ליטעראַטור. וואָס האָט נאָך מיידלווייז זיך באַקענט דורכן „בראַנטשפּיגל" מיט די כללים פון געשלעכט לעבן און געשלעכט־היגיענע, וואָלט נישט געבליבן הינטערשטעליק, ווען מען פאַרגלייכט זי אַפילו מיט אַ הײַנטיקער, ראַדי־קאַלער „סאָשעל־וואָרקער", וואָס קעמפט נאָך אַלץ מען זאָל די גע־שלעכטס־כללים לערנען אין די שולן. גליקלס מעמוארן זענען פּונקט אַזוי **מענטשלעך** און במילא **וועלטלעך,** ווי מאַדאַם דע־סעוויניעס, וואָס האָט געלעבט אין דעם הויף פון לודוויק דעם פערצנטן.

דורות, תקופות זענען פאַרביי. יאָרהונדערטער האָבן, ווי שווערע פלאַסטן, זיך געלייגט איבער דער מוסר־ליטעראַטור, פאַרדעקט אירע וואָרצלען, פאַרשאָטן די קוואַלן, נישט געלאָזט קיין לעק ליכט און אויף די פאַרווישטע שפּורן זעט דער היסטאָריקער בלויז רעאַקציע און אַפּאַטיע.

איז געקומען יצחק לייבוש פּרץ, נישט בלויז דער זאַמאָשטשער פּרץ, וואָס איז אַלט געווען לויטן פּאַס אַ יאָר פערציק, נאָר דער פּרץ פון צפת, פון קאָרדאָווע, פון אַמסטערדאַם, פון פּראַג, פון דיסלדאָרף, פון קאָצק — און ער האָט אויפגעריסן די הונדערט יעריקע פלאַסטן. די אויפגעריסענע קוואַלן האָבן אַ שלאָג געטאָן מיט אַזוי פיל ליכט, אַז דער מענטש איז פאַר אַ ווייל פאַרבלענדט געוואָרן, האָט פאַרלוירן דעם שורש, נישט געזען, ווי־

יצחק לייבוש פרץ האָט דעם זעלבן מוסר דערפירט פון וועלטלעכקייט צו אַלוועלטלעכקייט.

נאָך משה העסן איז יצחק לייבוש פרץ אינעם יידישן לעבן אַ ניי וואָרט.

אויב די יידישע ליטעראַטור האָט איר וואָרט, וואָס האָט די ליטע־ראַטור אויפגעהויבן צו אַן אידייע — האָט דאָס וואָרט געזאָגט יצחק לייבוש פרץ.

פרץ דער שטענדיקער רעגער, די אומרו, וואָס צעטרייסלט די פאַר־זעסנקייט (נישט בחינם טרעפט מען ביי פרצן אַלע ריכטונגען פון דער נייער יידישער ליטעראַטור), דער טאַטע פון דעם נישט דערזאָגטן וואָרט, דער צום ווייניקסטן באַרעדעוודיקער — דווקא ער איז געווען דער „רבי" פון די בית־מדרש און שטיבל־בחורים, דער מדריך פון די שניידער און שוסטער געזעלן, פון די יידישע בערשטער און וועבער.

פרץ איז נישט געקומען צום בית־מדרש בחור מיט רחמנות, נישט געהאַט קיין מיטליד מיטן שניידער־געזעלן.

דער בחור, אפילו דער געכאַפּטער אין אַפּיקורסות, האָט דורכגע־לייענט פרצן און זיך אַרומגעזען, אַז פון ביאַלער רבין, פון אַמשאָוועך מקובל איז נישטאָ וואָס חוזק צו מאַכן. זיין אַרומיק לעבן, דעם בחורס, וואָס ער האָט אליין אין זיך פּרובירט דערשטיקן, האָט זיך מיט אַמאָל באַפרייט אין אים, איז אים ליב געוואָרן. פון פרצן האָט דער געזעלן זיך דערוואוסט, אַז זיין טאַטע, דער וואַסער־טרעגער, דער האָלץ־האַקער. דער בעל־מלאכה, זיי אַלע קענען זיך פאַרגלייכן אין מענטשלעכקייט מיט די לומדים, גבירים, וואָס זאָגן אַ דעה און פאַרנעמען די מזרח־וואַנט.

פרץ, וואָס האָט אַנטקעגנגעשטעלט דער לעבנס־קלוגשאַפט פון דער יידישער ליטעראַטור זיין אינטעלעקטועלע אינטואיציע, דווקא ער איז מיט אַמאָל אַוועק אין גאַס, אין מאַרק. מיט דער פרייד פון אַן אייגענעם האָט ער אויפגעזוכט אין די פאַרוואָרפענע יידישע ישובים, אַלטע, פאַר־זיגלטע געטראַנקען, וואָס זענען געלעגן באַהאַלטן. ער האָט די פאַרזיגלטע געטראַנקען געעפנט אין מיטן מאַרק, גערופן אַלעמען, דעם בית־מדרש־בחור, דעם אַרבעטער, ס'גאַנצע פאָלק:

— קומט, יידן, טרינקען! אין חברותא איז היימלעכער צו טרינקען!

פרץ האָט אויך קעגנער. און ס'איז דאָך מערקווירדיק, וואָס טייל סאָוועטישע קריטיקער קומען זיך צונויף אין דער פרץ־אָפּשאַצונג מיט אונדזערע עסטעטן. אי די סאָוועטישע קריטיקער, אי די עסטעטן טענהן, אַז פרץ האָט געשאַפן מער מיטן זכרון, ווי מיט דער הילף פון אינטואַ־ציע. פרץ איז אַ מתנגד, אַ ראַציאָנאַליסט, אַ משכיל. ער האָט געוואָלט צוגענגלעך מאַכן פאַרן עם־הארץ די פאַרגאַנגענהייט, איז אַוועק אַהין און איז דאָרט געבליבן אַ געפאַנגענער.

די סתירה באַשטייט אין דעם, וואָס פרץ האָט זיך נישט אויסגע־לעבט, נישט געקענט לעבן דאָס לעבן, וואָס האָט געשלאָגן אין אים. פרץ האָט שטענדיק זיך אַנטקעגנגעשטעלט, שטענדיק מלחמה געהאַלטן, מורא געהאַט צו פאַרלירן זיין אינעווייניקסט לעבן. דאָס שטענדיקע פּראָטעס־טירן, דאָס מתנגדות, האָבן די קעגנער אָנגענומען פאַרן אמתן פרץ.

יצחק לייבוש פרץ — דער גרויסער מענטש, דער גרויסער ייד, וואָס האָט געטראָגן אין זיך ס'גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס האָט געמאָנט ביי דער ליטעראַטור דעם עם־הארץ פון דער תלמודישער צייט, געמאָנט דעם רמב"ם, שפּינאָזן, געמאָנט דעם יידישן שרייבער — דער פרץ האָט זיך געמוזט אויסלעבן, ווי אַ יחיד, אין די דריי צימערלעך אויף צעגליאַנע גאַס. און אויף דער גאַס האָט געהערשט דער יחיד — מעטערלינק, וויספּיאַנסקי — מען האָט זיך געשעמט גאָר אַנדערש צו טראַכטן.

אין קיבוצים, אין פעלקער, אין געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס — דאָרט דאַרף מען זוכן פרצן.

פרץ איז געווען דער ערשטער יידישער קינסטלער ביי וועמען מען האָט געקענט עפּעס לערנען. מען לערנט נאָך ביי אים היינט און מען וועט לערנען. ווי זאָגט בעל־מחשבות: „פרץ איז שטענדיק געווען אונדזער קאָפּ, אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט פּראָטעסטירט קעגן אַלע אונדזערע פּלענער און געדאַנקען".

אָן פרצן וואָלטן מיר געהאַט אַן אַנדער ליטעראַטור. אין פּרצעס דרכים גייען נאָך ביזן היינטיקן טאָג, יעדער אויף זיין שטייגער, די באַ־דייטנדסטע יידישע שרייבער.

מיר לעבן אין פרצן און ער — אין אונדז. דורך אונדז באַווייזט זיך פרץ אין זיין אמת ליכט, אין דעם ליכט פון יעדן דור באַזונדער. און אויב מען גראָבט זיך טיפער, זעט מען, אַז אָן פרצן וואָלטן מיר געהאַט טאַ־

דאַנטן, גרויסע טאַלאַנטן, אָבער קיין יידישע ליטעראַטור וואָלטן מיר נישט געהאַט. און אַז מען וועט אייך באַווייזן מיט אותות-ומופתים, אַז פּרצעס קינסטלעריש וואָרט איז נישט ריין, ס'איז נישט קיין זעמל-מעל, ס'איז מעל געמישט מיט קלייען, זאָלט איר אָבער געדענקען, אַז פון אַזאַ מעל האָבן נביאים געבאַקן ברויט, ווען זיי זענען אַוועק אין דער מדבר רעדן מיט גאָט.

שוין דרייסיק יאָר ווי פּרץ איז אַוועק פון אונדז. ער איז אַוועק אין אַנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַוועק אין מיטן דער אַרבעט, העט ער האָט געהאַלטן אין בויען אַ באַנייט יידישקייט, אַ יידישקייט וואָס וואָרצלט אין „קהל ה'", אין „עדת ה'", וואָס וואָרצלט אין דעם ברית-סיני, אין די נביאים, אין דעם עזרא-צוזאַמענקום, אין די תנאים, אין יהודה הלוין — דעם געניאַלן ייד. יהודה הלוי האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף גאָט און אויף פאָלק, דערפון זיין גרויסע ליבע צו ארץ-ישראל און צום יידישן לעבן, וואָס איז איבער גאָר דער גאַנצער וועלט.

אַזוינע יידן, ווי ר' יהודה הלוי, ווי יצחק לייבוש פּרץ, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דעם טרויער און ווייטיק פון אַ ירמיהו, די גוטסקייט פון אַ הלל, ס'פייער פון אַ ר' עקיבא, אַזוינע יידן האָבן נישט געקענט האָבן קיין אַכטונג, קיין ליבע פאַר נאַקעטער פאָרם. אין יהודה הלוין, אין פּרצן האָבן שטענדיק געקעמפט דער ייד מיטן נישט-ייד, וואָס ציט זיין קינסט-לערישקייט פון געצנדינעריי, פון קריסטנטום. שוין לאַנג צייט אויסצע-וואָרצלען פון אונדזערעביידע ליטעראַטורן, פון דער העברעאישער נאָך מער ווי פון דער יידישער, די קריסטלעכע ליבע, וואָס טריפט מיט יידיש בלוט.

פּרץ, וואָס איז אַוועק פון אונדז אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָט געפילט, אַז ס'רוקט זיך אויף יידן אַ ביטערער גזר. ער האָט געוואוסט, אַז מיר זענען קינדער פון אַ געיאָגט און געמאַרדעוועט פאָלק, דער שונא וויל אונדז אויסרייסן מיטן וואָרצל, ס'זאָל פון אונדז, יידן, קיין שריד-ופליט נישט בלייבן. בלויז דער אמת, דער מענטשלעכער אמת, קען אונדז ראַטעווען. און פּרץ, זיין גאַנץ לעבן, זיין שאַפן איז געווען איין

געשריי: „לאָמיר אויסשמידן אין זיך אָט־דעם אמת, אָט־דעם כוח, לאָמיר אליין דערפילן, אַז צו זיין אַ ייד, אַ געפּייניקטער, איז אַ פּריווילעגיע.

דער ביטערער גזר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדז, ווי בייזע, אומגליקלעכע חלומות טראָגן זיך פאַר די אויגן — חורבן פּוילן, חורבן ליטע, הורבן אוקראַינע. און ווי מיר רייסן קריעה, ווי מיר זאָגן קדיש, הייבט זיך פון די חורבות ס׳ליכטיקע געשטאַלט פון יצחק לייבוש פּרץ. און נישט בלויז פון די חורבות. ס׳רייסט זיך אויך פון אונדז, פון אונדזערע צעווייטיקטע הערצער. און אַז מיר, אבלים, פרעגן איינער ביים אַנדערן:

— וואָס דאַרף זיין די יידישע ליטעראַטור?

ענטפערט פּרץ:

— זי דאַרף זיין די צונג און ס׳געוויסן פון אַ געיאָגט און געפּייניקט פאָלק. זי דאַרף זיין דער טויזנט יעריקער רעזערוואואַר — וואו ס׳איז דאָ גלויבן, ס׳איז דאָ בטחון — די כוחות, וואָס האַלטן אונדז אויף, די כוחות, וואָס לערנען אונדז, אונדזערע קינדער, אַז צו זיין אַ ייד, אַ געפּייניקטער, איז אַ פּריווילעגיע.

ייִדיש

אין די פערטהאלבן טויזנט יאָר, אויף דעם לאַנגן וואַנדער־וועג, האָבן מיר יידן, אַ פאָלק מיט אַן אַלטער זעלבסטשטענדיקער קולטור, נישט איינמאָל געביטן אונדזער לשון. דריי פון אונדזערע געערדטע לשונות האָבן מיר נישט בלויז איבערגעשאַפן, מיר האָבן זיי אויך באַלעבט און דערהויבן צו נאַציאָנאַלע שפראַכן. אונדזערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן זענען **העברעאיש, אַראַמיש, יידיש.**

ס'איז כמעט אַ געזעץ — ווען אַ פאָלק כאַפּט זיך, אַז זיין ליטעראַ־רישע שפראַך הערט אויף צו באַדינען די טאָג־טעגלעכע נויטן, הייבט אים אָן צו ווערן פרעמד, קערט זיך ס'פאָלק אָפּ פון דער ליטעראַרישער שפּראַך און דערהייבט ס'געערדטע לשון, דעם „זשאַרגאָן" זיינעם. דער „זשאַר־גאָן" ווערט די ליטעראַרישע שפראַך. אַזוי האָבן די ראָמאַנישע פעלקער זיך אָפּגעזאָגט פון לאַטיין און דערהויבן די פאָלקס־דיאַלעקטן, די זשאַר־גאָנען, געמאַכט פון זיי — שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, פראַנצויזיש, איטאַ־ליעניש, רומעניש.

אַזוי האָבן מיר, יידן, נאָך גלות בבל, אין דער צייט פון די פּרושים, דערהויבן אַראַמיש, דעם דעמאָלטדיקן „זשאַרגאָן", אָדער, ווי מען האָט אַראַמיש גערופן: „עברית", אָדער „לשון הדיוט", צו אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. ס'איז אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען. דער שפּראַך־געראַנגל איז געווען אַ לאַנגער און אַ פאַרביסענער. שפּורן פונעם שפּראַך־קאַמף געפי־נען מיר אין תלמוד און אין מדרש. די העברעאיסטן האָבן איינגעלייגט וועלטן, געסטראַשעט, אַז „מען טאָר נישט תפילה טאָן אין אַראַמיש, ווייל די מלאכי־השרת פאַרשטייען נישט קיין אַראַמיש". די אַראַמיסטן, די דעמאָלטדיקע יידישיסטן, האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן. זיי האָבן שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז העברעאיש איז נישט ס'ערשטע יידישע לשון. ס'איז שוין דעמאָלט קשה געווען פאַרוואָס די עלטסטע יידישע תפילה, ביים ברענגען בכורים, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער — „אַרמי אבד אָבי". איז אויב אונדזער פאָטער איז געווען אַן אַרמי, וואָס וואַנדערט, אַן אַרמי, אַ בעדואינער, האָט ער דאָך נישט גערעדט קיין העברעאיש, נאָר אַראַמיש? און ווען די העברעער האָבן פאַרזיכערט דאָס פאָלק, אַז גאָט אַליין רעדט בלויז לשון־קודש, האָבן די אַראַמיסטן עס צוריק געשליידערט, געטענהט, אַז בשעת גאָט האָט באַשלאָסן צו געבן די יידן זיי תורה, האָט

ער מיט זיי נישט גערעדט קיין העברעאיש, נאָר די שפּראַך, וואָס יידן האָבן גערעדט און פאַרשטאַנען — מיצריש. און דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען לויט דעם דעמאָלטיקן יידישן וועלט־קוק און לעבן־קוק אויף די ליניעס פון דער דרייאיינהייט — פאָלק, גאָט און תורה.

געזיגט האָט ס'לעבן. אַראַמיש איז געוואָרן די ליטעראַרישע שפּראַך ביי יידן. אַראַמיש איז אַפילו אריין אין תנ"ך. פּרצעס אַ חסידישע מעשה האָט אין זיך מער העברעאיש, ווי די אַראַמישע קאַפּיטלעך פון ספר „דניאל". און „דניאל" איז קאַנאָניזירט געוואָרן מיט די „כתובים". און אויב די צדוקים זענען געווען קעגן, איז נישט דערפאַר, וואָס „דניאל" איז געשריבן אין אַראַמיש, נאָר דערפאַר, וואָס „דניאל" רעדט וועגן יענער וועלט, וועגן תחית־המתים.

דאָס איז געווען אַן ערך 65 יאָר נאָך קריסטוסן. דעמאָלט האָט אַראַמיש שוין געהאַט איבערגענומען די גאַנצע העברעאישע קולטור־ירושה, זי פאַרדייט אויף איר שטייגער, זי איבערגעאַרבעט און צוגעפּאַסט נישט בלויז צום פאָלקס־לעבן, נאָר אויך געשאַפן אין אַראַמיש די גרויסע נאַציאָנאַלע אוצרות — דעם תלמוד ירושלמי, דעם תלמוד בבלי, אָנגעהויבן שאַפן דאָס אָריגינעלסטע טעאָזאָפישע ווערק, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט — דעם „זוהר". אויך געשאַפן די תפילה, די אינטימסטע תפילה, ווען אַ זון געזעגנט זיך מיט זיין געשטאָרבענעם פאָטער, ווען אַ גייער דור געזעגנט זיך מיטן פאַרגאַנגענעם, כ'מיין דעם אַראַמישן „קדיש", וואָס נאָך היינט־צו־טאָג ווערט ער געזאָגט, אויב נישט פון זיבעצן מיליאָן יידן איבער דער גאָרער וועלט, איז פון אַ פערצן מיליאָן אוודאי און אוודאי. פון העברעאישן „אל־שדי", איז געוואָרן דער אַראַמיש־יידישער „רבונו־של־עולם", דער „טאַטע־פאָטער", וואָס וואָרצלט ביזן היינטיקן טאָג נאָך טיף אינעם יידישן פאָלק.

בלויז די, וואָס פאַרטיפן זיך נישט אין דער יידישער געשיכטע, נעמען זיך איבער מיט זייער עם־הארצות, בלויז זיי ברענגען קעגן אונדזער לשון רבי'ס זאָג: „בארץ ישראל לשון סורסי למה? או לשון הקודש, או לשון יונית". מען דאַרף געדענקען, אַז אין דער צייט פון תלמוד האָט אַראַמיש געהייסן עברית. אין תנ"ך הייסט לשון־קודש — „יהודית". און אַז מען טרעפט אין דער משנה ס'וואָרט „עברית", ווייסט שוין רש"י צו זאָגן: „עברית לשון עבר הנהר". דאָס איז ס'אַראַמיש, וואָס יידן, די

עברים, האָבן גערעדט אין ארץ ישראל אין דער צייט פון די תנאים און אמוראים. און אַז מ׳לייענט די מגילה אין „עברית״ איז מען נישט יוצא. מ׳דאַרף זי לייענען אין לשון־קודש, נישט אין עברית. ווי ס׳שטייט אין דער גמרא מגילה, דף י״ח: „קרא את המגילה גיפטית, עברית, מדית - - - יונית, לא יצא״ - - - אויב מ׳האָט פורים געלייענט די מגילה אין קאָפּטיש, אין עברית, אין מדית - - - אין גריכיש — איז מען ניט יוצא. דאָס גערעדטע אַראַמיש איז אין גאַנצן אַנדערש געווען פון דעם אַמאָליקן אַראַמיש, פון דער „סורסי״־שפּראַך, וואָס אויף איר איז דער תנ״ך געווען איבערגעזעצט. ס׳איז געווען אַ פּרייע, נישט קיין מסורה איבערזעצונג. רבי האָט דאָ גערעדט וועגן דער „סורסי״־איבערזעצונג פונעם תנ״ך, וואָס ער האָט זי געהאַלטן פאַר איבעריק אין דעם פאַרגלייך מיטן אָריגינאַל און מיט עקילסעס גריכישע און פּינקטלעכע איבערזעצונג. אַנדערש וואָלטן די, וואָס האָבן יאָ געהאַלטן פון דער „סורסי״־איבערזעצונג נישט אָפּגעענטפערט רבי׳ן: „אל יהא לשון סורסי קל בעיניך, שהרי בתורה, בנביאים ובכתובים הוא אמור״. דאָס האָט אָבער גאָרנישט צו טון מיט דער גערעדטער שפּראַך, מיט דער פאָלקס־שפּראַך, מיט דעם אַראַמיש־עברית. ווען אַראַמיש וואָלט ביי די תנאים און אמוראים געווען אַ מיאוסער זשאַרגאָן, וואָלט דער אמורא ר׳ יונתן דבית גוברין נישט אויסגערעכנט צווישן די פיר שענסטע שפּראַכן פון דער וועלט אויך: „עברי(ת) לדיבור״ — אַראַמיש צום רעדן.

די יידיש־קעגנער וועלן אָנווייזן, אַז מיר האָבן געהאַט נאָך שפּראַכן — פּערסיש, גריכיש, אַראַביש, שפּאַניאָליש, פראַנצויזיש. אמת. מיר האָבן אָבער די אַלע לשונות נישט דערהויבן צו נאַציאָנאַלע יידישע שפּראַכן. ביז דעראָסין, ביז דעם 16־טן יאָרהונדערט, האָבן מיר אַפילו נישט געוואוסט, צי דער יידיש־גריכישער פילאָזאָף, פילון פון אַלעקסאַנדריע האָט איבערגעלאָזט ביכער. אַראַביש איז פונקט אַזאַ שוועסטער־שפּראַך פון העברעאיש, ווי אַראַמיש. אַראַביש האָט בלויז געוועקט ביי יידישע דיכטער און דענקער „קנאת סופרים״, זיי געטריבן צו פאַרטיפן זיך אין רעליגיעז־פילאָזאָפיע, אין תנ״ך, אין דקדוק. מער נישט! שפּאַניאָליש, וואָס יעדער שפּאַניער פאַרשטייט נאָך היינט, האָט אויסער דעם נאָמען לאַדינאָ — לאַטיין — אויך אַ יידישן נאָמען — דזשודעזמאָ. אַ חוץ עין־הרע אַפּ־

שפּרעכעניש[ן], קמיעות, אַ צענדליק וויג־לידער, אַ צענדליק באַלאַדעס, האָט לאַדינאָ גאָרנישט איבערגעלאָזט נאָך זיך.

ווי מיר זעען, קען דאָ גאָר קיין רייד נישט זיין פון נאַציאָנאַלע שפּראַכן, ביז מיר קומען צו יידיש. פרעגט זיך — וואָס פאַר אַ יידן זענען דאָס געווען די טאַטעס פון היינטיקן יידיש? דאָס זענען געווען מענטשן מיט אַ סך יידישער קולטור. זיי האָבן אין זיך געטראָגן די ירושה פון תנ״ך, פון דער גמרא, פון די גאונים. זיי האָבן גערעדט פראַנצויזיש, גערעדט איטאַליעניש. זיי זענען דאָך געקומען פון די ראָמאַנישע לענדער, געקומען אין ריינישן געגנט דורך פראַנקרייך. לאַטיין האָבן זיי פיינט געהאַט, עס גערופן „גלחות״ (גלחים־לשון), ווייל ס׳האָט געהאַט צו טאָן מיט קריסטנטום. און קריסטנטום איז פאַר יידן געווען — גזירות, רדיפות, שיימערהויפנס און קידוש־השם. דער ייד, וואָס איז אַריבערגעקומען אין דער ריניש־פראַנקישער געגנט, איז געשטאַנען העכער, איז געווען קולטורעלער פונעם דייטש. ער האָט זיך נישט באַדאַרפט אַסימילירן. דער ייד איז אויך געווען וועלטלעכער פונעם דייטש. ער, דער ייד, האָט דאָס מיטגעבראַכט קיין דייטשלאַנד די פראַנצויזישע ריטן־ראָמאַנען און העלדן עפּאָסן — די אַלע „טריסטאַנס און איזאָלדאָס״, די אַלע „פּאַרסיוואַלן״.

אונדזערע מיינסטע וויסנשאַפטלער האָבן אַ טעות, ווען זיי מיינען, אַז ר׳ יהודה חסיד האָט אין זיין „ספר חסידים״ געשטורעמט קעגן די דייטשע „ראָמאַנצן״, זיי פאַרווערט יידן צו לייענען. דאָס האָט ר׳ יהודה חסיד געשטורעמט קעגן די פראַנצויזישע, אָדער ריכטיקער פּראָוואַנסאַלישע „ראָמאַנצן״. און אַז די תקופה וועט אויסגעפאָרשט ווערן, וועט מען ערשט דעמאָלט אויסגעפינען, אַז מיר יידן זענען געווען די קולטור־טרעגער פונעם אַראַבישן רענעסאַנס אין מיטלאַלטער. אָט די יידן, אונדזערע עלטער־זיידעס, זיי האָבן יידיש דערהויבן צו אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך.

און אַז מען לייענט ביי די דייטש־יידישע געלערנטע פון צונצן ביז גרעצן, אַז די דייטשישע יידן האָבן גערעדט דייטש, און אַז „זיי האָבן אָנגעהויבן „מאַושלען״, רעדן דעם נמאסדיקן „זשאַרגאָן״, זענען אין דעם שולדיק די פּוילישע יידן״, ווילט זיך בלויז לאַכן. דערמיט האָט גוען אויף אַ „מה־יפית״־שטייגער געוואָלט אונטערשטרייכן דעם יידיש־דייטשן פּאַטריאָטיזם. און דאָס איז געווען אַ מכת־מדינה. דער געלערנטער הרכבי פון פּעטערבורג האָט אויך אויפגעוויזן, אַז יידן אין רוסלאַנד האָבן אין

16־טן י״ה גאָר גערעדט רוסיש. נישט קיין יידיש, און די מאַדאַם צענט־נערשוועער האָט אויפגעוויזן, אַז אין 16־טן י״ה האָבן יידן אין פוילן גע־רעדט פויליש, נישט קיין יידיש.

דאָס האָט זיך גענומען אי פון נישט וויסן, אי פון ווענלן צושפּילן דער הערשנדיקער קולטור. מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די היינטיקע פילאָלאָ־גיע איז אין גאַנצן אַלט אַ הונדערט יאָר. ביז דעם פילאָזאָף לייבניץ האָט גאַנץ אייראָפּע געגלויבט, אַז אַלע שפּראַכן שטאַמען פון העברעאיש. שמואל דוד לוצאַטו האָט זיך ביי דער טעאָריע געהאַלטן ביז אין 19־טן י״ה, אַפילו אונדזער גרויסער יצחק־לייב פּרץ, האָט אויף דער טשערנאָ־וויצער קאָנפערענץ געזאָגט, אַז יידיש הייבט זיך אָן מיט אייזיק־מאיר דיק. פּרץ האָט געמיינט די יידישע ליטעראַטור. און איך זאָג, אַז יידיש האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט, ווען דער אַנאָנימער קינסטלער האָט גע־וואָלט אַריבערטראָגן און איבערגיסן אין יידיש דעם קלאַנג און ריטם פון העברעאיש־אַראַמיש. און ער האָט דאָס געטאָן ביי דער ערשטער געלעגנ־הייט. ווי אַזוי, מיינט איר, האָט דער אַנאָנימער קינסטלער איבערגעזעצט — „מלך ימלוך״? נישט „דער קיניג וועט הערשן״, נישט „דער קיניג וועט רעגירן״, נאָר „דער קיניג וועט קיניגן״, כאָטש אין דייטש איז נישטאָ אַזאַ וואָרט, נישטאָ אַזאַ ווערב, ווי קיניגן. און „דער קיניג וועט קיניגן״ איז שוין נישט קיין דייטש. דאָס איז שוין יידיש, און ס׳איז שוין אויך נישט קיין איבערזעצונג, ס׳איז אָריגינעלע שאַפונג.

ווען איז דאָס געווען?

נישט מיט זיבן יאָרהונדערט קריק, ווי אונדזערע וויסנשאַפטלער ווילן האָבן, נאָר מיט ניין יאָרהונדערט קריק און אפשר מיט גאַנצע טויזנט יאָר קריק, ווען פוילן האָט נאָך נישט געהאַט קיין ליטעראַטור, ווען רוס־לאַנד האָט נאָך נישט געהאַט קיין ליטעראַטור.

ס׳איז אַ געזעץ — ווען אַ פאָלק וויל באַלעבן אַ פרעמדע שפּראַך, וויל זי מאַכן פּראָדוקטיוו, דאַרף ער די שפּראַך איבערשמעלצן, איבעראַרבעטן, דאַרף באַשאַפן אַ נייע שפּראַך, זיין שפּראַך. און דאָס האָבן מיר געטאָן מיט די דייטשע דיאַלעקטן. מיר האָבן זיי באַלד ביים איבערנעמען גע־יידישט, אַריינגעבראַכט אַ שלל מיט נייע ווערטער, מיט נייע באַגריפן. כ׳מיין די העברעאיש־אַראַמישע האַנדלס־טערמינען און סחורות־באַצײ־כענונגען, וואָס זענען געווען באַקאַנט, וואו נאָר יידן האָבן געפירט מסחר.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דער יידישער גרויסהאַנדל מיטן וויטן מזרח איז געגאַנגען דורך דייטשלאַנד און סלאַווישע לענדער. אַט־די ווערטער, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער יידישער עקאָנאָמיק, האָבן זיך פריער איינגעוואָרצלט אין די דייטשע דיאַלעקטן. ווי די ווערטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו יידישקייט און ריטואַל.

אָבער, פון די צוגעקומענע ווערטער איז נאָך נישט געוואָרן קיין יידישע שפּראַך. מען האָט די העברעאישע און דייטשע עלעמענטן גע־דאַרפט צונויפפאָרן און איבערשמעלצן. „כבוד" איז העברעאיש. „זיין" איז דייטש. אָבער „מכבד זיין" איז נאָר יידיש. פונקט ס'זעלבע „גטן זיך", „דרשה געשאַנק", דאָס זענען יידישע ווערטער, וואָס איר וועט זיי נישט געפינען נישט אין דייטש און נישט אין העברעאיש.

אַ חוץ העברעאיש־אַראַמישע עלעמענטן זענען אויך צוגעקומען ראָ־מאַנישע. ווייסט איר, אַז אַזוינע עכטע יידישע ווערטער, ווי בענטשן, דאַווענען, ניטל, סאַרווער, טשאָלנט, פּאַטשיילע, אַלקער, אַלטער, אימ־פּעט, פּלעט, גוידער, ווירע, מילגרוים — און נאָך צענדליקער און צענד־ליקער שטאַמען נישט פון דייטש, נאָר פון פראַנצויזיש, פון איטאַליעניש? קען נאָך זיין יידישער, ווי יענטע, שפּרינצע, אַנשל? און יענטל שטאַמט גאָר פון פראַנצויזישן "Gentile" — איידל־געבוירענע.

און נישט בלויז ווערטער זענען צוגעקומען, נישט בלויז די אוים־שפּראַך איז געוואָרן אַן אַנדערע, נאָר די קאָנסטרוקציע און דער זאַץ־בוי, דער גאַנצער סינטאַקסיס האָט זיך געענדערט. פונעם „לשון אשכנז" איז געוואָרן יידיש־טייטש. פון „יידיש־טייטש" איז געוואָרן „לשוננו — אונ־דזער שפּראַך", פון „אונדזער שפּראַך" איז געוואָרן „יידיש".

און יידיש האָט גענומען וואַקסן, גענומען אויסשפּרייטן איר טערי־טאָריע. מען האָט גערעדט יידיש אין איטאַליע, אין פראַנקרייך, אין האָלאַנד, אין סקאַנדינאַוויע, אין סטאַמבול און אין ארץ־ישראל. מען האָט גערעדט יידיש אין בעמען, אין מערן, אין פּוילן, אין ליטע, אין אוקראַינע, אין ניי־רוסלאַנד ביז אַראָפּ צום שוואַרצן ים.

„אשכנז" האָט אויפגעהערט צו זיין אַ געאָגראַפישער באַגריף, ס'איז געוואָרן אַן אידעאישער, ס'איז געוואָרן „יידישלאַנד".

און זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן — ס'איז אַ בלבול און אַ היסטאָרישער שקר, אַז יידיש איז געווען בלויז די שפּראַך פון ווייבער, מיידלעך און עם־

הארצים. געוויס האָט די רעליגיעזע ליטעראַטור אויף יידיש נישט געהאַט קיין אינטערעס פֿאַרן למדן. דער למדן האָט די רעליגיעזע ליטעראַטור געהאַט אין אָריגינאַל, אין העברעאיש. די יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט אין זיך געטראָגן וועלטלעכקייט און וועלטלעך־ליטעראַרישן שאַפֿן, האָט פֿאַרכאַפּט דאָס גאַנצע פֿאָלק, אַלע זיינע שיכטן, ווייל אין העברעאיש איז דעמאָלט אַזאַ מין שאַפֿן נישט געווען. פֿון איבער הונדערט און צוואַנציק שער־בלעטער פֿון אַלט־יידישע אויסגאַבעס ווענדן זיך בלויז ניין שער־בלעטער אויסשליסלעך „צו פֿרומע ווייבער, בחורים און „פּולצילס" (מיידלעך), איבער הונדערט שער־בלעטער ווענדן זיך נישט בלויז צו „ווייבער און מיידן", נאָר אויך צו „בחורים און באַלעבאַטים, אַלע ביידן, צו ליבע לייט, מאַן און ווייב, יונגען און מיידן".

אין אונדזער העלדן־עפּאָס, אינעם „שמואל־בוך", וואָס איז אַנטשטאַנען אין 14־טן י"ה און וואָס קאָן זיך נאָך היינט פֿאַרמעסטן מיט די בעסטע דייטשע העלדן־עפּאָסן פֿון יענער צייט, ווערט געזאָגט, אַז די מעלאָדיע פֿונעם „שמואל־בוך" קאָן „כל־ישראל". און דער מחבר האָט דערביי גאָרנישט איבערגעטריבן. און אַז יוסף בר יקר האָט אין 1544 אַרויסגעלאָזט אַ סידור אויף יידיש, צונויפֿגעשטעלט לויט אַלטע איבערזעצונגען, האָט ער אויפֿן שער־בלאַט אַוועקגעשטעלט אַזאַ רעקלאַמע: „צווישן מיין סידור און אַנדערע איז אַזאַ אונטערשייד, ווי צווישן אַן אַלט ווייב און אַ יונגער מויד". אַזאַ מין פֿאַרגלייך אויף די בלעטער פֿון אַ סידור איז געווען טיפּיש פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור פֿון יענער צייט, וואָס האָט זיך גערעכנט מיטן געזונטן געשמאַק פֿון די פֿאָלקס־מאַסן. דאָס אַלץ איז אָבער נאָך נישט גענוג געווען, יידיש זאָל זיך אַרויסרוקן און ווערן אַ פּראָגרעסיווע שפּראַך. צווישן שפּראַכן זענען אויך פֿאַראַן צוריקגעשטאַנענע און פּראָגרעסיווע. דערצו האָבן ווידער היסטאָרישע כוחות צוגעשפּילט. ס'האָט זיך געמאַכט, אַז די גרויסע מערהייט פֿון יידישן פֿאָלק האָט זיך געפֿונען אין איין לאַנד — אין פּוילן. דורות־לאַנג האָבן יידן דאָרט געהאַט קולטורעלע און פּאָליטישע אויטאָנאָמיע. כ'מיין דעם „וועד אַרבע ארצות" וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער גרויס־פּוילן, קליין־פּוילן, ווייס־רוסלאַנד, וואָלין און אפֿילו ליטע. פֿון רדיפֿות און שחיטות (אַ חוץ כמעלניצקים) האָבן יידן כמעט ווי נישט געוואוסט. עקאָנאָמיש האָט זיך יידן גוט געלעבט. דאָ, אין פּוילן, האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ נייער טיפּ ייד, אַ

טיף-נאַציאָנאַלער, וואָס האָט איבערגעשטיגן דעם מזרח-ייִד, דעם ספר־דישן און אַראַבישן. דאָס איז געווען דער פּוילישער ייִד פון פּויזן, פון קראָקע, פון לעמבערג, פון לובלין, פון בריסק. מיטן פּוילישן ייִד איז אויך געוואַקסן זיין לשון. בשעת דער ספרדישער ייִד האָט רייכער געמאַכט פרעמדע קולטורן, איז דער אשכנזיש-פּוילישער ייִד, מיט זיין פּלפּול, מיט זיינע פּשטלעך, מיט זיין רעדן און טראַכטן געווען אַ המשך פון דעם בבלישן גמרא-ייִד. אין זיין הלוך, אין זיין ייִדיש, איז געווען עפּעס אייגנ־אַרטיקס, עפּעס אויסטערלישעס. און דער דאָזיקער גאַנצער ייִד, פון דעם בעל-מלאכה, פון דעם בעל-עגלה, פון דעם סוחר ביז דעם למדן, אַלע האָבן זיי זיך אויסגעלעבט אין ייִדיש. די „צאינה-וראינה", דאָס טייטש-חומש פון דער ייִדישער פרוי, איז געווען דער המשך פון אַמאָליקן מדרש, נאָר אין ייִדיש. דער „נחלת-צבי" — איז דער „זוהר" אין ייִדיש. דער מחבר פונעם „טייטש-זוהר" דערקלערט אין זיין הקדמה, אַז משיח וועט גיכער קומען, ווען מען וועט דעם „זוהר" לייענען אין דער פאָלקס-שפּראַך, אין ייִדיש. די קאַבאַליסטן האָבן אויף ייִדיש געפירט זייער קאַמף קעגן די לומדים און רבנים, אפילו קעגן דעם תלמוד. דערצו האָט אונדזער מאַמע, די ייִדישע פרוי, קיין אַנדער שפּראַך נישט געהאַט. ייִדיש הייסט נאָך היינט — מאַמע-לשון. אונדזער מאַמע האָט זיך אויסגעוויינט איר האַרץ אויף ייִדיש, האָט אונדז איינגעוויגט מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען", האָט פאַרפלאַנצט אין אונדז ליבע און איבערגעבנקייט צום פאָלק.

דאָ, אין פּוילן, און אין דער שכנישער טשעכיע איז ייִדיש רייכער געוואָרן, האָט צוגעקריגן אַ נייעם עלעמענט — דעם סלאַווישן. און דאָ רעדט זיך נישט בלויז פון אַנטליענע ווערטער אין ייִדיש, ווי — כריין, כאַטש, נעבעך, קרעטשמע, בייטש, זאַטשעפּען, דאָקוטשען—וואָס וואַרפן זיך ביים ערשטן קוק יעדן אין די אויגן. פיל וויכטיקער איז געווען די השפּעה פון סלאַוויש אויף דער ייִדישער גראַמאַטיק, וואָס מען דערקענט אין די קלאַנגען, אין דעם וואָרט-בילדונג, אין דעם סינטאַקסיס און אפילו אין פראַזעס און ווערטלעך.

כ'האָב פריער געזאָגט, אַז ס'זענען דאָ פּראָגרעסיווע שפּראַכן און צוריקגעשטאַנענע. די ראָמאַנישע שפּראַכן, וואָס האָבן אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג אָפּגעוואָרפן די בויגונגען פון זאַכווערטער (סובסטאַנטיוון), אָפּגעוואָרפן דעם דריטן מין, זענען אין פאַרגלייך מיט לאַטיין פּראָגרע־

סיווע. יידיש, וואָס האָט אָפּגעוואָרפֿן די בויגונגען פֿון זאַכוועדטער, אָפּגעוואָרפֿן דעם אימפּערפֿעקט, איז אין פֿאַרגלייך מיט דייטש אַ פּראַגרעסיווע שפּראַך. יידיש האָט אויך אַרויסגעשטופּט אַנדערע פֿאָרמען, האָט זיך באַפֿרייט פֿון דייטשע פּענטעס, פֿון וואָרט־שטעלונג, פֿון איבעריקע פֿאָרמען און קלאַנגען, וואָס מיר געפֿינען נאָך אין אַלט־יידיש. פֿון אַ סינטעטישער שפּראַך איז יידיש געוואָרן אַן אַנאַליטישע, אַ פּראָגרעסיווע, ווי פֿראַנצויזיש, ווי איטאַליעניש, ווי שפּאַניש, ווי ענגליש.

יידיש איז אריין אין דער משפחה פֿון פּראָגרעסיווע שפּראַכן, סוף 17־טן י״ה, ווען סטראַדיוואַריוס האָט געגעבן דער וועלט זיין פֿידל. אָבער סטראַדיוואַריוס־פֿידל איז נאָך נישט גענוג. מען דאַרף נאָך האָבן ווירטואָזן, מען דאַרף האָבן קינסטלער, וואָס זאָלן אַרויסברענגען די פּאָטענציעלע באַהאַלטענע כוחות פֿון דער סטראַדיוואַריוס־פֿידל. און אַזעלכע ווירטואָזן, אַזוינע קינסטלער האָבן זיך באַוויזן, פֿריער אַנאָנימע — דאָס חסידות, דער יידישער אַרבעטער, וואָס האָבן געגעבן יידיש — נשמה, מוח און פּראַצע.

אין חסידות איז אַפֿילו דאָס העברעאישע געוואָרן יידיש. ס'באַווייזן זיך ר' נחמן בראַסלאַווערס מעשיות.

דאַן קומט דער אַרבעטער, דער יידישער פּראָלעטאַריער, וואָס מיט דער הילף פֿון יידישן וואָרט נעמט ער העלפֿן איבערבויען די וועלט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אַדאַנק דעם אַרבעטער באַווייזט זיך ווידער דאָס יידישע בוך, ס'וועלטלעכע, אַ גליד־גליד־שוועסטערקינד פֿון דעם וועלטלעכן „שמואל־בוך" פֿון 14־טן י״ה.

דערנאָך זענען געקומען די קינסטלער פֿונעם גרויסן פֿאָרנעם — מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם — וואָס האָבן צוגעגעבן יידיש וואָגיקייט, פֿאַנטאַזיע, צוגעגעבן שעפֿערישע מעגליכקייט און חשיבות. און איבער די קינסטלער, איבער דעם ברייטן פֿונדאַמענט הייבן זיך ווענט העכער און העכער, ס'וואַקסט אויס אַ ריזיקע געביידע מיט ליכטיקע שפּיצן טיף איבער די וואָלקנס. די ליכטיקע שפּיצן באַלייכטן יעדן יידישן ישוב פֿון איבער דער גאַנצער וועלט.

דאָס זענען — דער צווייטער דור קינסטלער נאָך די קלאַסיקער, די „יונגע" פֿון אַמעריקע, דער דריטער דור, דער פֿערטער, די יידיש־פֿאָרשער.

און ווי רייך אונדזער שפּראַך זאָל נישט זיין, וואַרטן נאָך אויך יידישע גאַנצע אוצרות, און ווי דאָס „שמואל-בוך" און אַנדערע העלדן-עפּאָסן זענען נאָך נישט באַאַרבעט געוואָרן שפּראַכלעך, זענען נאָך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן, אַזוי זענען שפּראַכלעך נאָך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן די אַלטע איינגעזעסענע ישובים פון פוילן, ישובים פון איבער פינף הונדערט יאָר, זעקס הונדערט יאָר, אַכט הונדער יאָר.*) דאָס זאַפטיקע רומענישע יידיש איז נאָך געהעריק נישט אויסגענוצט געוואָרן און דאָס קלינגענדיקע יידיש מיט די לאַנגע פּתחן פון אונגאַרן איז נאָך אינגאַנצן נישט אַנגערירט געוואָרן. ס'איז נאָך פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור — א קרקע בתולה. די אויפגעריסענע שטיקער שוואַרץ-ערד פון יידישן סאָוועטן-פאַרבאַנד דאַרפן נאָך אויסגענוצט ווערן. ס'וואַרטן נייע ווערטער און באַגריפן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע, אַרגענטינע, אין ארץ ישראל — טויזנטער ווערטער, וואָס מאָנען און בעטן זיך דער קינסטלער זאָל זיי אויפנעמען, זאָל זיי געבן אַ פאָרם, א לבוש. און די פאָרם דאַרף ערגעץ פירן, און דער לבוש דאַרף וואַרעמען אַ מענטשלעכן לייב.

יידיש איז אַ וועלט-שפּראַך, ווייל יידן זענען אַ וועלט-פאָלק. און נישט פון היינט איז יידיש אַ וועלט-שפּראַך. אין 1750 האָט פּראָפעסאָר קרייזאַנדער, אַ קריסט, געשריבן: „מיט יידיש קאָן מען אויספאָרן די גאַנצע וועלט".

---

*) צו אונדזער גרויסן אומגליק וועט שוין דער יידיש פון די אומגעקומענע ישובים נישט אויסגעפארשט ווערן.

1936

די אידייע פון יידיש
און פון דער
יידישער ליטעראטור

אויף דער ערשטער יידישער שפּראַך קאָנפערענץ, אין טשערנאָוויץ, האָט מען פון אַ וועלט־טריבונע אָפּגעוואָרפן פון יידיש דעם השכלה־צונאָ־מען — „זשאַרגאָן". איך שטרייך אונטער „השכלה־צונאָמען" — ווייל ס'פאָלק, וואָס האָט געוואָלט לעבן און אייגן לעבן, מעג עס זיין אין אָרעם לעבן, אָבער אַ לעבן פאַר זיך, ס'פאָלק האָט קיינמאָל נישט געוואוסט פון קיין זשאַרגאָן.

הונדערט יאָר פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, נאָך אין די געטאָס פון דייטשלאַנד, פון איטאַליע, פון פּוילן און פון ליטע, האָט ס'פאָלק שוין גערופן זיין שפּראַך: „מאַמע־לשון", עס גערופן „יידיש".

אומעטום, וואו מען האָט נאָר גערעדט יידיש, אַפילו אין די ענגסטע און פינצטערסטע געטאָס, זענען מיר אַלע פאַרבליבן די „בני מלכים שגלו מעל שולחן אביהם" — די בני מלכים, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער פאָטערס טיש.

ווייל **יידיש** און **יידישקייט** זענען געוואָרן סינאָנימען, ווי מ'האָנטער יאָר פריער, זענען יידישקייט און יידישע **אמונה** געווען איינס און דאָס זעלבע.

געדענקען דאַרף מען, אַז ווען די השכלה האָט אָנגעהויבן אָפּצורייסן די יידישע אמונה פון יידישקייט, האָט זי דערמיט גענומען חרוב מאַכן די יידישע סביבה, דעם יידישן צערעמאָניאַל און נוסח און דער עיקר — **ס'יידישע לשון**. די השכלה, וואָס האָט אויך געהאָט מעלות, האָט צע־טרייסלט אונדזערע פונדאַמענטן און שמד איז אונדז באַפאַלן, ווי אַ מגפה.

דערביי דאַרף מען אויך נישט פאַרגעסן, אַז דער כוח פון דער יידישער אמונה איז נישט געלעגן אין גלויבן, נאָר אין יושר און אין צדק. **אמונה** איז טריישאַפט. טריישאַפט צו יידישע חוקים און מצוות. אין אַנדערע ווערטער — טריישאַפט צו דער יידישער סביבה, צום יידישן נוסח און מנהג, טריישאַפט צו אונדזערע ביידע לשונות — צו יידיש און העברעאיש.

אָן העברעאיש זענען מיר גייסטיקע יורדים. אָן יידיש — האָבן מיר נישט קיין אייגענע צונג, קיין אייגענעם חותם. אָן יידיש — פעלט אונדז דער יידישער לבוש, דער יידישער פורעם, וואָס פאַראייביקט אינהאַלט, וואָס פאַראייביקט נישט בלויז ס'אייגענע לעבן, נאָר וואָס כאַפּט אויך אויף פרעמדן אינהאַלט. און אַ דאַנק דעם יידישן לבוש, אַ דאַנק דעם יידישן

פורעם, ווערט דער פרעמדער אינהאַלט נאַציאָנאַל פּאַרמעגן. דער פרעמ־דער אינהאַלט ווערט אויף תמיד געייִדישט.

אַזוינע פוסקים, ווי דער רמ"א אין 16־טן יאָרהונדערט, ווי דער תוס־פות יום טוב אין 17־טן יאָרהונדערט, האָבן דאָס שוין אינטואיטיוו דער־פילט. און טייל מקובלים, וואָס האָבן אויף ייִדיש געפירט זייער קאַמף קעגן די לומדים און רבנים, אפילו קעגן תלמוד, האָבן דערקלערט, אַז משיח וועט גיכער קומען, ווען מען וועט דעם „זוהר" לייענען אין דער פאָלקס־שפּראַך, אין ייִדיש. און ס'חסידות פאַרהייליקט בײַדע אונדזערע שפּראַכן ביזן היינטיקן טאָג.

ווען די השכלה האָט גענומען אָפּרייסן די ייִדישע אמונה פון ייִדיש־קייט, געוואָלט אָפּטיילן דעם קאָפּ פון דעם שלאַק, געוואָלט אָפּשפּאַלטן פורעם פון אינהאַלט, ווי די צוויי בּאַגריפן וואָלטן געווען טיילבאַר, און די השכלה האָט זיך גענומען אַרומטראָגן מיט אַ צעשפּאָלטענער מטבע, וואָס זיי האָבן גערופן: „וועלטלעכע ייִדישקייט", ערשט דעמאָלט האָט אונדזער „מאַמע־לשון", וואָס האָט הונדערטער יאָרן אַרייַנגעזאַפּט אין זיך חוקים און מצוות, אַרייַנגעזאַפּט אין זיך די ייִדישע סביבה, ייִדישן צערעמאָניאַל און נוסח, וואו יעדעס איינגעפונדעוועט וואָרט איז אַ שטיק קולטור־געשיכ־טע — דאָס „מאַמע־לשון" האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער השכלה.

און ווען ייִדיש, אונדזער מאַמע־לשון, וואָלט נישט געטראָגן אין זיך די באַהאַלטענע כוחות פון אונדזערע מצוות און חוקים, וואָלט נישט גע־טראָגן אין זיך התלהבות און בטחון און ס'וואָלט נישט פאַרנומען ס'אָרט פון אונדזער אמונה, וואָלט זיך די שמד־מגפה, וואָס די השכלה האָט מיט זיך געבראַכט, ניט געווען אָפּגעשטעלט. קיין חסידות וואָלט דעמאָלט נישט געשאַפן געוואָרן. מיר וואָלטן געשטעקט אין אַן אויסגעהוילטער וועלט־לעכקייט, ווי אין 1912 האָט נאָך געשטעקט דער משכיל ש"י איש הורוויץ, וואָס האָט אין 1903 געהאַט די חוצפּה פאַרצעלייגן דעם פאָלק ישראל אַן אָדער־אָדער, אָדער אַן אייגן לאַנד, אָדער שמד צום קריסטנטום.

די ייִדישע ליטעראַטור, וואָס טראָגט אין זיך ס'אָנגעזאַמלטע עשירות פון ייִדיש לשון, האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט דער השכלה, און אונדז גע־ראַטעוועט פון חורבן, אונדז קריקגעגעבן דעם ייִדישן לבוש, דעם ייִדישן הותב, עס קריקגעגעבן אין אַ נייער כלי, מיט אַ נייעם ניגון.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט אונדז געלערנט, אַז אַ פרעמדער לבוש,

אַ פרעמדער פורעם קען קיינמאָל נישט ווערן יידיש דורך אַ יידישן אינ־האַלט. יידישן אינהאַלט האָט אויך דער נייער טעסטאַמענט, האָט אויך דער קאָראַן. און די ביידע ביכער, די פאַרשפּרייטסטע אין דער וועלט, וועלן תמיד זיין פרעמד און דערווידער דעם שעפערישן ייד.

און פאַרקערט, יעדער פרעמדער אינהאַלט, ווי „מגילת־רות", האָט איז געקומען צו אונדז אין אַ יידישן לבוש, ס'איז געקומען צו אונדז אין דער בחינה: „מבשרי אחזה אלוה", איז עס געוואָרן אַזוי יידיש, אַז מען האָט עס אַפילו קאַנאָניזירט, מען האָט עס אַריינגענומען אין תנ"ך, און דאָס „באָווע־בוך", אַ ריטער מעשה, איז דורך דעם יידישן לבוש אַזוי פאַר־יידישט געוואָרן, אַז פון דעם וואָרט „באָווע־בוך", איז געשאַפן געוואָרן דאָס וואָרט: „באָבע־מעשה".

און אַז מען נעמט אַזאַ ריינעם יידישן אינהאַלט, ווי היינעס „דער רבי פון באַכראַך", צי פויכטוואַנגערס „יאָזעפוס", בלייבט עס אַלץ איבערגע־זעצטע יידישקייט, וואָס ווערט צוגערעכנט צו דער דייטשישער ליטעראַ־טור, נישט צו דער יידישער.

מיר אַליין האָבן זיך איבערגענומען און נעמען זיך איבער מיט וועלט־לעכקייט און מיר האָבן נישט געוואוסט און מיר ווייסן נישט, אַז אין תוך האָבן יידיש און יידישע ליטעראַטור געטון און טון נאָך איצט די אַרבעט פון דער יידישער אמונה. יידיש און יידישע ליטעראַטור האָבן אונדז פאַר־פאַנצערט פון אונטערגאַנג, כאָטש מיר האָבן עס גערופן — „וועלטלעכע יידישקייט" — אַן אויסגעהוילטער באַגריף, איבערגענומען פון דער השכלה.

אונדזער אמונה — חוקים און מצוות — דאָס איז געווען און ס'איז איין דראַנג צו יושר און גערעכטיקייט, וואָס אונדזערע נביאים האָבן נאָך פּראָקלאַמירט.

און וואָס איז די יידישע ליטעראַטור? די יידישע ליטעראַטור איז אַ וויכטיקער טייל פון אונדזער נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, וואָס וועט אינדז שטענדיק צוגעבן כבוד, ווי דער תנ"ך גיט אונדז צו, ווי דער תלמוד, ווי די שפּאַנישע גאָלדענע עפּאָכע.

די יידישע ליטעראַטור קען זיך אפשר נישט פאַרמעסטן אין קינסט־לערישן פאַרנעם מיט די געציילטע גרויסע וועלט־ליטעראַטורן. אָבער דאָס איז נישט אַלץ. יעדע ליטעראַטור דאַרף אויך פירן צו יושר, צו צדק, צו

מענטשלעכקייט, און אין יושר, אין צדק, אין מענטשלעכקייט קען זיך קיין ליטעראַטור נישט פאַרמעסטן מיט דער יידישער. **די יידישע ליטעראַטור האָט אין גאַנצן נישט קיין רשעות.** און דאָס איז איינע פון די גרעסטע מדרגות, וואוהין יעדע ליטעראַטור דאַרף שטרעבן און דערגיין. ווייל אין ליטעראַטור, אין קונסט, ווילן מיר פונקט אַזאַ המשך, ווי אין לעבן. מיר ווילן קאָנטינואיטעט, וואָס זאָל פאַרברידערן מענטשן, פעלקער. מיר ווילן זעען די קאָסמישע גאַנצקייט. און צו קריגן המשך טאָרן מיר נישט האָסן, ווייל האָס צעשטערט המשך, הרגט אַוועק די גאַנצקייט.

נעמט אַזוינע מייסטערס ווי דאָסטאָיעווסקי, ווי טאָלסטאָי, ווי מערעדיט. נעמט אַפילו אונדזער אַמעריקאַנער טאָמאַס וואולף. אַז זיי מאָלן אַ שלעכטן פּאָליאַק, אַ שלעכטן ייד, אַ שלעכטן דייטש, מאָלן זיי אים נישט ווי אַ שלעכטן יחיד, נאָר די שנאה טראָגט זיך גלייך אַריבער צום גאַנצן פאָלק. געפינט מען ביי דאָסטאָיעווסקין אַ פינצטערע שנאה צו יידן, צו פּאָליאַקן. ביי טאָלסטאָיען — צו דייטשן. און נישט איינמאָל ווילט זיך אין מיטן לייענען פאַרמאַכן ס׳בוך, ווייל וואָס טויג אונדז די גאַנצע קונסט, אַז זי פירט צו שנאה?

אין דער יידישער ליטעראַטור וועט איר קיין זכר פון שנאה צו אַ גאַנץ פאָלק נישט באַגעגענען. בלויז דאָס רשעות פון די גאַנים, בלויז דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון זעקס מיליאָן יידן האָט אין אונדז קריק אַ וועק געטון דעם „מחה אמחה את זכר עמלק״ — אַ וועק געטון און מיט רעכט דאָס הימל-געשריי פונעם גרויסן וועלט-ליגן פון דער מענטשלעכער געשיכטע בנוגע יידן.

דאָס איז די אידייע פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז איר חותם. דעם בונד, וואָס גאָט האָט פאַרשניטן מיטן פאָלק ישראל איז געוועזן דורך יידישן. יידיש לעבן, יידיש לשון, יידישן — דאָס איז אונדזער חותם, דאָס איז אונדזער ברית, וואָס פירט צו יושר, צו צדק, ווי די מצוות און חוקים האָבן געפירט דעם רעליגיעזן ייד צו יושר און גערעכטיקייט. יידיש, יידישע ליטעראַטור גיבן דעם ייד אַן אייגענעם פּרצוף, אַ קלסתר פּנים, וואָס טיילט אים אָפּ פון „ככל הגויים״. און דאָס איז נישט לגנאַי. דאָס איז לשבח פאַרן ייד און פאַר זיינע נישט יידישע שכנים.

מיר לעבן אין אַ פינצטערער צייט. און נישט בלויז מיר. די גאַנצע וועלט. כאָטש מיט אונדזער בראָך און מיט אונדזערע צרות קען זיך קיי-

נער נישט פאַרגלייכן און פאַרמעסטן. די געשוואוירענע בכינים, וואָס ציען זייער חיונה פון יידיש און זייערע שטיבער זענען „יידיש רייז״, ווייל זייערע קינדער פאַרשטייען נישט קיין וואָרט יידיש און קיין וואָרט העב־רעאיש, די טרוקענע באַקסערן זענען צופרי אַרוים מיטן פּאַפּוגאַי־געשריי אויף זייערע קאַטערינקעס — „יידיש גייט אונטער״. ניין, יידיש און די יידישע ליטעראַטור גייען נישט אונטער. און מיר יידן — אַוודאַי און אַוודאַי נישט. נאָכן פאַלן פון דער לעצטער יידישער פעסטונג ביתר, ווען מיר זענען אָפּגעגאַנגען אין בלוט, האָט דער פאַרצווייפלטער ר׳ ישמעאל זיך געבעטן ביי יידן: **„דין הוא שנגזור על עצמנו שלא לישא אשה ולהוליד בנים ונמצא זרעו של אברהם אבינו כלה מאליו״**. „ניין, ישמעאל, — האָט ר׳ עקיבא אים געענטפערט — מיר גייען נישט אונטער״. און דאָס האָט ר׳ עקיבא געזאָגט ווען ער איז שוין געווען אַ פאַרמשפּטער צום טויט.

און מיר זענען נישט אונטערגעגאַנגען.

ס׳איז געווען אויפּצומישן דאָס וואָרזאָגעריי פון די יידן, וואָס האָבן געשריבן אַראַביש און שפּאַניש. די יידיש־שפּאַנישע שרייבערס האָבן גע־קוקט אויף די איבן גבירלס, אויף די יהודה הלוים, אויף די משה איבן עזראס, ווי אויף בטלנים, וואָס וועלן היינט, מאָרגן אונטערגיין. זיי האָבן געטענהט: „פאַר וועמען שרייבט איר? פאַר די יחידים העברעער, וואָס מען קען זיי ציילן אויף די פינגער? די גאַס און ס׳לעבן איז דאָך קעגן אייך, העברעאיש גייט דאָך אונטער? אַז מען שרייבט אַראַביש, אַז מען שרייבט שפּאַניש, שרייבט מען פאַר אַ גאַנצער וועלט״!

פרעגט זיך: ווער איז אונטערגעגאַנגען? נישט די הלוים, נישט די איבן גבירלס, נאָר די „גליקלעכע״, וואָס האָבן געשריבן שפּאַניש פאַר אַ גאַנצער וועלט. ווער ווייסט היינט, אַז ס׳זענען געווען אַזוינע וואָרזאָגערס? דעם שפּאַנישן אונטערגאַנג רופן מיר היינט: „די שפּאַנישע גילדענע עפּאָכע״.

ניין, יידיש און די יידישע ליטעראַטור גייען נישט אונטער. ביים גאַנצן אומגליק און בראָך האָבן מיר קריקגעקראָגן אַ יידישע מלוכה, וואָס האָט אַזאַ טרייסל געטון ס׳יידישע לעבן, אַז אפילו די „עצמות היבשות״, האָבן דערפילט דעם ציטער פון „תחית־המתים״. דאָס איז אַ נייער יציאת מצרים. דאָס איז אַ נייע תקופה אין דער יידישער געשיכטע.

און די יידן אין ארץ ישראל הייבן שוין אָן צו פאַרשטיין און וועלן מוזן פאַרשטיין, אַז דער גאַנצער „ריב הלשונות", אַז דער שפּראַכן־קאַמף, איז געווען און איז אַן אומזין. מיר דאַרפן ליב האָבן ביידע לשונות. מען דאַרף שעפּן פון זיי דאָס אָנגעזאַמלטע עשירות, ווי יידן האָבן געשעפּט פון העברעאיש און אַראַמיש, ווי יידן האָבן ביידע שפּראַכן פּאַראַלעליקט. און דאָס האָבן שוין דערפילט די שעפערישע יידן אין ארץ ישראל. און ביים ערשטן נייעם אָפּקלייב פון יידיש־שאַפן, וועלן יידיש און העברעאיש גיין האַנט אין האַנט, ווי אַראַמיש און העברעאיש זענען געגאַנגען און גייען האַנט ביי האַנט ביזן היינטיקן טאָג.

1948

וואָס איז יידישקייט ?

די וועלט איז רשעותדיק. צו אונדז יידן — אוודאי און אַוודאַי. און אויב מיר שטייען פאַר אַ חורבן, דאַרפן מיר זיין גרייט. דאַרפן מיר זיין פאַרפאַנצערט פון אונטערגאַנג. דער פאַשיזם וויל אונדז אויסראָטן. ס'איז אַ מלחמה אויף טויט און אויף לעבן. אונדזער צייט קען מען בלויז פאַרגלייכן מיט די קרייץ-צוגן, מיטן גירוש שפּאַניע, מיטן גירוש פּאָרטוגאַל. און יידן האָבן דעמאָלט זיך אויך נישט אונטערגעגעבן. זיי האָבן געפירט מלחמה מיט דער רשעותדיקער וועלט. און די מלחמה האָט דעמאָלט געהייסן — שמדן זיך, צי נישט שמדן זיך?

פון די אַנאָנימע טויזנטער און צענדליק טויזנטער יידן, די פאַרפאַנצערטע פון אונטערגאַנג, וואָס זענען אַוועק פון שפּאַניע, אַוועק פון פאָרטוגאַל, אַוועק זוכן אַ נייעם ישוב, פון זיי דאַרפן מיר זיך אָפּלערנען, כאָטש אונדזער מלחמה מיטן פאַשיזם איז אינגאַנצן אַן אַנדערע.

איר האָט געלייענט ווי זעכציק עסטרייכישע יידן, וואָס האָבן שוין געהאַט וויזעס, וואָס זענען גרייט געווען אָפּצופאָרן קיין דרום-אַמעריקע, די יידן האָבן פאַרן אָפּפאָרן זיך פרייוויליק אָפּגעשמדט. זיי האָבן געוואָלט, אָנקומען אין דעם נייעם ישוב, ווי נישט יידן. דאָ ליגט די נעפּאַר. אונדזערע זיידעס, אונדזערע עלטער-זיידעס, גאַנצע יידן, האָבן אויפגענומען ס'רשעות פון דער גויאישער וועלט, ווי מען נעמט אויף פינצטערע נאַטור-כוחות, ווי מען נעמט אויף אַ געוויטער, ווי מען נעמט אויף אַ וואַלקן-בראָך, צי גאָר ווי מען נעמט אויף אַ משוגענעם הונט. אַזאַ באַציאונג האָט אַוועקגעשטעלט אונדזערע זיידעס מיילן העכער פון רשעות און דאָס האָט זיי געראַטעוועט פון אונטערגאַנג.

פרעגט זיך: וואָס פאַר אַ כוח האָבן מיר, היינטיקע יידן, אַנטקעגנצושטעלן דעם רשעות פון דער וועלט? דער כוח פון רעליגיע? פון סאָציאַלער גערעכטיקייט? פון וועלטישקייט? פון יידישקייט? און ס'פרעגט זיך — וועמעס יידישקייט?

און זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן — אומעטום פילן זיך יידן אַנטוישט, פילן זיך פאַרביטערט, פילן זיך אפילו אָפּגענאַרט. ס'הערן זיך שטימען — וואו זענען אַהינגעקומען די גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן? פאַרוואָס שווייגט די דעמאָקראַטישע וועלט? האָט מען אונדז טאַקע טיף אין דער ערד? אויב אַזוי, דאַרפן מיר מיט אַזאַ וועלט קיין מגע-ומשא נישט האָבן.

יידן האָבן, ברוך השם, וואו זיך אויסצובאַהאַלטן. מען קען קריך אַריין אין די געטאָ־טויערן. און די שטימען ווערן אונטערגעכאַפּט. אַזאַ געדאַנקען־גאַנג, וואָס לייגט זיך אויפן שכל, איז אָבער ירידה, אַן אייגענע, איגערלעכע ירידה, וואָס וויל זיך פאַרמעסטן מיט דער דרויסנדיקער רשעות צו אונדז, יידן.

די ווילדע וואַנדאַלן האָבן איינגעשלונגען רוים און זענען אליין פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין רוימער. די „קולטורעלע" אַריער שלינגען און פרעסן פון רשעות ס׳ביסל יידן און זיי בלייבן באַרבאַרן. ווייל רשעות איז די גי־דעריקסטע מדרגה, צו וועלכער דער מענטש קען זינקען. און אַלץ וואָס איז געבאָרן אין רשעות איז סוף־כל־סוף פאַרמשפּט אונטערצוגיין. אויב נישט אין אונדזער דור, איז אין אַ דור נאָך אונדז, איז אין צוויי דורות נאָך אונדז.

די אַלע געטאָ־שטימונגען, די אַלע צוריק־אין־שול־אַריין שטימונגען באַווייזן, ווי דער דורכשניטלעכער מענטש איז הילפלאָז אין אַן עת־צרה, ווי ער איז פאַרלאָרן, ווי ער כאַפּט זיך פאַר יעדער שטרוי, אַבי זיך צו ראַטעווען, און דאָ שפּילט אויך אַ סך צו די מאָדע. איבער׳ן דער וועלט טראָגט זיך אַ פינצטערע כמאַרע, ווערן אונדזערע הערצער אויך פאַרכמאַ־רעט. אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן מלמדים געוואָרפן אין פייער אַריין — סידורים, חומשים, גמראות. נאָכן דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע (אין 1906-7), האָבן טייל יידישע פּאָעטן און עסייאיסטן געזען די ישועה אין לייגן תפילין, אין ווערן שול־יידן. אַזוי־נע שטימונגען גייען שטענדיק האַנט־אין־האַנט מיט אייגענער שוואַכקייט, מיט רעאַקציע. דאָ קומען זיך צונויף די אידעאָלאָגן פון דער „אגודה" מיט אַ סך פאַרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע „געטאָ" ווערט דאָך שוין היינט באַזונגען אין לידער. מען זעט אין איר שיינקייט, ווי אין שטריימל, ווי אין יידישן הילוך. מען פאַרגעסט דערביי, אַז ס׳שטריימל מיט דער קאַפּאָטע האָבן מיר זיך אליין אויסגעקליבן און אין דער געטאָ האָט מען אונדז געהאַלטן איבער פיר הונדערט יאָר. מען האָט אונדז בלויז אַרויסגעלאָזט פון די געטאָ־טויערן, מיר זאָלן קענען אָנפירן מיטן האַנדל, וואָס איז געווען אונטער דעם פּריצישן כבוד צו פאַרנעמען זיך מיט אים. היינט איז האַנדל אַן אידעלע באַשעפטיקונג. מען שטופּט דעם ייד פון מסחר אויך אַרויס. און גייען פרייוויליק אין דער געטאָ — הייסט אליין זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

און פון דער געטאָ איז בלויז אַ שפּאַן אין שול אַריין. און אַז אין שול אַריין, הייבט מען אָן בודק צו זיין יעדן קינסטלער, צי ער איז רעליגיעז, צי ער איז אַ מאמין. ס'ווערט אויפגעבלאָזן אַ טעאָריע — דער רעליגיעזער קינסטלער איז שוין באַלד ס'אויבערשטע פון שטייסל. אַזאַ צוזאַג איז אַן אומזין. דער אמתער קינסטלער האָט קיינמאָל נישט געחנפט זיין אייגן פאָלק, ווייל קיין פאָלק וויל נישט, מען זאָל אים חנפענען. ס'פאָלק האָט בלויז איין פאַרלאַנג — די שרייבער זיינע זאָלן זיך באַציִען מיט ליבע און פיעטעט צו אַלעם דעם, וואָס דעם פאָלק איז טייער. דער אמתער קינסטלער קען זיין אַנטי-ריטועל, אָבער ער איז קיינמאָל נישט אַנטי-רעליגיעז אין טיפערן זין. ווייל וואָס איז רעליגיזיטעט — אויב נישט אינערלעכער פּראָדוקטיווער אומרו און ציטער? פון דעם מאַטעריאַל ווערן געמאַכט רעוואָלוציעס. וועלטן גייען אונטער, וועלטן ווערן געבאָרן. איז לעכערלעך און שעדלעך, דווקא היינט, ווען ס'יידישע לעבן איז אויף דער וואָג-שאָל, אַלץ איז אויף משקולות, אַלץ הימלט, דווקא היינט צו זען די איינציקע ישועה אונדזערע אין דער געטאָ, צווישן די פיר ווענט פון בית-המדרש. ווייל נישט בלויז מיר, יידן, ווערן געמשפּט. די גאַנצע וועלט ווערט געמשפּט. אַ וועלט האַלט ביים קראַכן. אַ נייע — ביים געבאָרן ווערן. און אויף דעם בראָך-שטול זיצן מיר, איבער פאַרשידענע היסטאָרישע סיבות, נישט בלויז אין איין לאַנד, נאָר אין אַלע לענדער פון דער גאַנצער וועלט. דעריבער אַזוי פיל פּיין און וויי, דעריבער אַזוי פיל פאַרגאָסן בלוט, דעריבער אַזוי פיל יידישע קרבנות. און ווי לאַנג עס זענען פאַראַן טאָמאַנס מאַנס, זענען מיר מיט די טאָמאַס מאַנס, זענען מיר מיט די דעמאָקראַטישע פעלקער, זענען מיר מיטן סאָציאַליזם, וואָס ציט זיך פון די נביאים ביז משה העסן. דאָס דאַרף זיין אונדזער וועג, דער איינציקער יידישער וועג.

און מיר יידן, ביי די אַלע קלעפּ, וואָס מיר האָבן שוין איינגעכאַפּט און מיר וועלן נאָך איינכאַפּן, מיר, יידן, וועלן נישט צעריבן ווערן. אין אונדז איז עפּעס פאַראַן פונעם לעגענדאַרישן פויגל, וואָס לעבט אייביק, בלויז יעדע טויזנט יאָר וואַרפט דער פויגל אַראָפּ פון זיך די פעדערן, ווערט פאַרברענט און פון דעם אייגענעם אַש ווערט ער ווידער געבאָרן.

לויט אַלע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס האָט שוין פון אונדז, יידן, לאַנג נישט געדאַרפט זיין קיין שריד-ופליט. אַנדערע ראַדיקאַלן האָבן אַ טעאָריע, אַז מיר, יידן, האָבן זיך קיינמאָל רעאַל, פול-בלוטיק, נישט אויסגעלעבט.

די גריכן האָבן געפירט אַ רעאַל, פול־בלוטיק, לעבן. זיי האָבן זיך אינגאַנצן אויסגעלעבט און אין גרויסער זעט, אין טיפן עלטער זענען זיי אונטערגעגאַנגען. מיר, יידן, דאַרפן זיך נאָך אויסלעבן. דעריבער עקזיסטירן מיר. די צרה איז, וואָס מען פאַרגלייכט פעלקער צו יחידים. אַ יחיד ווערט געבאָרן, וואַקסט אויס און נעמט אָפּשטאַרבן. דערפון איז לחלוטין נישט געדרונגען, אַז ס׳זעלבע דאַרף געשען מיט אַ פאָלק. מיר זענען אַן אַלט פאָלק. מיר טראָגן אין זיך אַ פינף טויזנט יעריקן המשך. קלייבט זיך אָן איבעריקער באַלאַסט, פאַרברענען מיר אים, ווי יענער לעגענדאַרער פויגל זיך אַליין, און מיר שטייען ווידער אויף באַנייטע. פרעגט זיך אַ שאלה — פאַרוואָס בלויז מיר, יידן, טראָגן אין זיך דעם „שם המפורש" פון באַנייאונג, פון תחית־המתים? מעגלעך, אַז אויך אַנדערע פעלקער טראָגן אין זיך אָט־דעם כוח. און נישט נאָר מעגלעך, נאָר זיכער. ס׳אַלטע כינעזישע פאָלק טראָגט אוודאי און אוודאי אין זיך אָט־דעם כוח.

דען, וואָס איז המשך? וואָס איז קאָנטינואיטעט? דאָרט, וואו ס׳איז דאָ שנאה, וואו ס׳איז דאָ רשעות, איז נישטאָ קיין המשך. געווּג זיך אָפּצוגעבן אַ ביסל חשבון־הנפש, געווּג זיך צו פאַרטיפן, כאַפּט מען זיך, אַז יעדער מענטש האָט ווען־נישט־ווען איבערגעלעבט ס׳געפיל פון המשך. אָט וועל איך אייך ברענגען אַ ביישפּיל פון מיר אַליין. אויפן וועג אַהיים, קיין מלאווע, בין איך אין יאָר 1922 געפאָרן מיט דער שיף „אַקוויטאַניאַ". אויפן דריטן טאָג פון מיין רייזע בין איך נאָך האַלבער נאַכט אַרויף אויף דער העכסטער דעק. די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע. איבער מיר — אַזוי פיל הימל, הימל און שטערן. אַרום און אַרום — וואַסער. און אַליין ווערסטו אַזוי קליין, ווערסט נאָך קלענער — אַ שטויבעלע אין מיטן ים. און ווי כ׳קוק אַזוי אין הימל אַריין, פאַלט אַ שטערן. אַ צווייטער קרייצט אים דורך און ביי מיר אין מוח ווערט געבאָרן אַ מחשבה. אַ נאָענטע מחשבה. דער טאַטע מיינער איז מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר קריק געפאָרן מיט דער דריטער קלאַס אויפן זעלבן ים. דאָ — אין מיטן ים — פופצן הונדערט מייל פון ניו־יאָרק, פופצן הונדערט מייל פון פאַריז, האָט מיין טאַטע אַ וואָרף געטאָן אַ מחשבה, וואָס ער האָט איבערגענומען בירושה פון זיין זיידן, פון עלטער־זיידן — וואָס איז אַזוינס יידישקייט? און די מחשבה שוועבט צווישן הימל און וואַסער. פאַר מיר איז די מחשבה אַ טייל פון דער שיף, פון די מענטשן, וואָס אויף דער שיף, פון די אַרומיקע נאַטור־

כוחות. און פון מיר רעדן אַרויס דער טאַטע, דער זיידע, דורות, דורות — וואָס איז יידישקייט? און וועמעס יידישקייט? די נביאימס? דעם רמב"מס, צי משה העם און יצחק לייבוש פּרץ?

און איך זאָג — יידישקייט איז דאָס אַלץ און נאָך **עפּעס**. דאָס „נאָך עפּעס" איז אָבער שווער צו דעפינירן. ווען בבל האָט געבויט איר קולטור, געבויט טורעמס און וואָלקנקראַצערס, ווען די עגיפּטער האָבן געבויט זייער קולטור, געבויט ספינקסן, האָבן מיר, יידן, זיך אָפּגעגעבן מיט גאָטס וואָרט, מיטן מאמר — בעשרה מאמרים נברא העולם — מיטן לאָגוס. און אויב מען האָט פון באַרג סיני פאַרווערט צו מאַכן בילדער און סקולפּטורן, האָט מען דערפאַר פּראָקלאַמירט **ס'וואָרט**. צווישן דונערן און בליצן האָבן אַלע געהערט **גאָטס וואָרט**. ס'בילד האָט געהאַט צו טאָן מיטן אויג, מיט דער אָפּטיק, ס'קול — מיטן אויער, מיט דער אַקוסטיק.

ס'האָט גענומען דורות, טויזנטער יאָרן און ס'וואָרט, ס'מענטשלעכע פּראָדוקטיווע וואָרט, איז נישט בלויז אַריין אין אונדזער בלוט, נאָר מיר האָבן עס אויך איבערגעגעבן דער קריסטלעכער וועלט, דער מאַכמעדאַנישער וועלט. און אַז אייראָפּע איז מיט פיר הונדערט יאָר קריק געשטאַנען ביים פאַנאַנדערפאַלן, האָבן די פרומע פּוריטאַנער, די פרומע קוויקערס, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע נישט געדאַרפט אונטערגיין, ווי די אַמאָליקע גריכן, באַבילאָנער און מצרים, וואָס האָבן נישט געקענט מיטשלעפּן מיט זיך אין גלות אריין זייערע טורעמס, זייערע קאָליסעאומס, זייערע ספינקסן. אָן קולטור זענען זיי אונטערגעגאַנגען. די פּוריטאַנער האָבן לייכט געקענט אָראָפּשאָקלען פון זיך די קולטור פון בילד און שטיין. די בילד- און שטיין-קולטור האָבן זיי פאַרביטן מיט „וואָרט"-קולטור. דעם אַלטן און נייעם טעסטאַמענט האָבן זיי געקענט אַריינלייגן צווישן צוויי טאָוולען און מיט **דער קולטור** זיך אַריבערפּעקלען קיין אַמעריקע. אמת, דער אייראָפּייער איז געקומען קיין אַמעריקע אַ נאַקעטער, איז געקומען בלויז מיט דער ביבל. די ביבל האָט אים אָבער אָפּגעהיט פון אונטערגאַנג. און דאָס איז אונדזער **אויפטו**, דער גרויסער יידישער אויפטו.

יעדער ייד האָט געקענט זיין גאַנצע קולטור אַריינפּאַקן אין אַ תפילין-זעקל און זיך אַוועקלאָזן מיט איר איבער דער וועלט. ס'איז געווען ביי יידן אין בלוט. אַנשטאָט באַבילאָנישע טורעמס, אַשטאָט עגיפּטישע פּיראַמידן האָבן מיר געהאַט אַ **באַוועגלעכן משכן**. ווי שטייט דאָרט — ויחנו

ויסעו. מען האָט זיך אָפּגערוט און ווייטער געוואַנדערט. און וואו מען האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען איינס-צוויי צונויפגעקלאַפּט דעם משכן, גאָטס הויז, און געשאַפן קולטור. יעדער ייד — איז אַ שליח ציבור. יעדער ייד שטעלט זיך פאַרן עמוד און פאַרטרעט כל-ישראל. און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג.

אין דעם וואָרט ליגט אונדזער כוח. און ס'וואָרט צי ס'איז אַמאָל געווען ס'געטלעכע וואָרט, צי ס'איז היינט ס'מענטשלעכע - פּראָדוקטיווע וואָרט, דאָס וואָרט האָלט אונדז אויף, ס'פאַרפאַנצערט אונדז פון אונטערגאַנג. און ס'איז נישט אמת, אַז יידישקייט איז אין תוך קעגן קונסט. די תנאים, וואָס איינער פון זייערע עיקרים איז געווען — „איר זאָלט נישט מאַכן זיך קיין אָפּבילד" — די זעלבע תנאים האָבן אויך אַריינגענומען אין תנ"ך אַריין „שיר-השירים", „איוב" און „קהלת". זיי האָבן די דריי ריין-קינסטלערישע ווערק קאַנאָניזירט. און ווי פינצטער ס'יידישע לעבן איז נישט געווען — נישט געווען פינצטערער ווי היינט — האָבן יידישע קינסטלער שטענדיק געגאַרט נאָך „שיר-השירים". ווען נישט „שיר-השירים", וואָלטן מיר נישט געהאַט שמואל הנגידם וויין-לידער, הלוים און נאַגאַרעס ליבע-לידער, אַל-קאַביצעס „לכה-דודי". מיר וואָלטן נישט געהאַט די עראָטיק פון „זוהר", מיר וואָלטן נישט געהאַט יצחק לייבוש פּרצן...

דאָס איז דער כוח פון קולטור.

און אַז אָט-דער כוח ציט זיך דורך אונדזער געשיכטע, איז מיר איינגעפאַלן אינעם יאָר 1937, ווען כ'בין געשטאַנען אין דעם יידישן פּאַוויליאָן, וואָס איז געווען אויף דער פּאַריזער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג, קעגנאיבער דעם יידישן פּאַוויליאָן איז געווען אַן אָפּטייל פונעם דייטשישן פּאַוויליאָן.

וואָס האָבן יידן אויסגעשטעלט אין זייער פּאַוויליאָן?

אַלטע מאַנוסקריפּטן. דרוקן פון זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט, די אַלטע יידישע ליטעראַטור, די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, שאַגאַלס בילדער, סוטינס בילדער, אַרבעטן פון דער יידישער מאָדערנער שול.

און דער דייטש?

דער דייטש האָט אויסגעשטעלט די נייעסטע האַרמאַטן, די נייעסטע ביקסן. זענען געשטאַנען ביקסן און האָבן זיך פאַרמאַסטן מיטן יידישן אלף-בית. און דער יידישער אלף-בית האָט געזיגט. אַפילו די היטלעריסטן האָבן

זיך דעמאָלט פאַרשעמט, וואָס זיי האָבן אָוועקגעשטעלט ביקסן אַנטקעגן יידישן אלף־בית און זיי האָבן אויף דער צווייטער וואָך צוגענומען די ביקסן.

און כאָטש דער יידישער פּאַוויליאָן איז געווען אָרעם, האָב איך זיך געפילט געהויבן. כ'האָב זיך געפילט רייך מיט דער אָרעמקייט. ס'האָט זיך געפאָדערט מוט זיך אָוועקצושטעלן צווישן ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליע, זיך אָוועקצושטעלן קעגן אַ גאַנצער וועלט מיט פסוקים פון די נביאים, מיט שפּינאָזעס עטיק, מיטן אמתן פון משה העס און יצחק לייבוש פּרץ.

אָט־די אמתן, אָט־דער פאָלקס־כוח — דאָס איז יידישקייט, דאָס איז יידישע קולטור.

די רשעותדיקע וועלט אידענטיפיצירט אונדז, יידן, מיט די כוחות, וואָס קעמפן פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון אונטערדריקטע פעלקער. מיר נעמען אָן די באַשולדיקונג, דאָס איז אונדזער כוח, דאָס איז אונדזער טרייסט.

אין אַ כראָניק פון „שבט־יהודה״ ווערט דערציילט, ווי די אינקוויזיטאָרן האָבן אַ שיף מיט שפּאַנישע יידן אַראָפּגעלאָזט אויף אַ וויסטעניש. אין דער וויסטעניש זענען כמעט אַלע אויסגעשטאָרבן פון הונגער. בלויז געציילטע האָבן זיך אָוועקגעלאָזט זוכן אַ ישוב. און צווישן די געציילטע איז געווען אַ קליינע משפחה — אַ טאַטע, אַ מאַמע און צוויי קליינע יינגלעך. אויפן וועג איז די מאַמע פון הונגער געשטאָרבן. דער טאַטע האָט גענומען די יינגלעך און איז געגאַנגען ווייטער. פון הונגער האָבן זיי אַלע דריי אָוועקגעחלשט. אַז דער פאָטער איז געקומען צו זיך און האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ביידע קינדער זענען שוין טויט. פון גרויס ווייטיק האָט ער זיך צעשריגן:

— רבונו של עולם, ווי כ'זע ווילסטו, אַז איך זאָל זיך שמדן? האָסט אָדעקגעהרגעט מיר ס'ווייב, האָסט אָוועקגעהרגעט מיר די קינדער! דיר אָבער, אויף צו להכעיס, וועל איך זיך נישט שמדן! כ'בין אַ ייד און כ'וועל בלייבן אַ ייד! קיין זאַך וועט דיר נישט העלפן, גאָט!

דער ייד האָט צוזאַמענגעקליבן ערד און בלעטער, האָט באַגראָבן די קינדער. ער האָט זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין, און האָט סוף־כל־סוף געפונען אַ ישוב.

בלויז אונדזער אינטעליגענץ האָט זיך פאַרלאָרן, בלויז זי האָלט אין איין פרעגן צי מיר גייען טאַקע נישט אונטער. די מאַסן, צי דאָס זענען אַרבעטער, צי דאָס זענען קליינהענדלער, ביי אַלע רדיפות און נגישות, ביי דעם גאַנצן מסירות-נפש, זיי האָבן זיך נישט פאַרלאָרן. פאַרקערט, ס'פאָלק האָט בטחון. און אַז מען דאַרף — שטעלט מען זיך אַנטקעגן, מען שלאָגט קריק דעם שונא. דער אַרבעטער, ביי אַלע דורכפאַלן, זעט נאָך אַלץ די ישועה אין סאָציאַליזם. דער פרומער ייד האָט זיין סאָציאַליזם, וואָס דריקט זיך אויס אין ר' נחמן בראַסלאַווערס ווערטער — „געוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מייאש". און אַז כ'האָב זיך צערעדט מיט אַ וואַרשעווער טרעגער וועגן דער שלעכטער יידישער לאַגע, האָט ער מיך גאָר גענומען טרייסטן. דער טרעגער האָט פאַרגליכן ס'מענטשלעכע לעבן צו אַ ים מיט כוואַליעס. וואַרפט אַ כוואַליע אַרויס אַ וואַלפיש, פרייען זיך אַלע. וואַרפט זי אַרויס אַ פאָר אַלטע כאָדאָקעס, צי גאָר אַ פגר, לויפן אָן אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע כוואַליע און שווענקט עס אָפּ, פאַרשלעפּט עס קריק אין ים אַריין. אונדזער רשעותדיקע וועלט וועט אָפּגעשווענקט ווערן.

דער פאָלקס-מענטש — צי דאָס איז אַן אַרבעטער, אַ קליינהענדלער, צי דאָס איז דער שפּאַנישער ייד פון מיט פיר הונדערט יאָר קריק, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט גאָט און געפונען אַ ישוב — די אַלע ייִדן זענען פאַרפאַנצערט פון אונטערגאַנג.

1938

קיום —
נישט אונטערגאַנג

אין 1267, נאָך דעם ווי די מאָנגאָלן האָבן געהאַט חרוב געמאַכט ארץ ישראל, האָט ר׳ משה בן־נחמן, דער רמב״ן, באַזוכט ס׳לאַנד און אַזוי אַהיימגעשריבן:

„— — — וואָס הייליקער אַן אָרט, אַלץ מער חרוב איז עס, ירושלים איז חרוב ונחרב. יהודה איז מער צעשטערט, ווי דער גליל״.

אין אונדזער היינטיקן חורבן איז אויך אַזוי.

דער רייכסטער רעזערוואואַר אונדזערער, פון וואַנען מיר יידן, די יידן וואָס לעבן זיך אוים אויף יידיש, האָבן געשעפּט כוחות, דאָס יידנטום איז חרוב ונחרב.

און **ס׳פּוילישע יידנטום** איז נישט בלויז פּוילן, ס׳איז נישט בלויז די יידיש־פּוילישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון דער גאָרער וועלט. ס׳איז דער רוקן־ביין, וואָס האָט געשאַפן ס׳פּוילישע יידנטום, ס׳וואָלינער, ס׳רומענישע, ס׳אונגאַרישע, ס׳פּאָדאָליער, אונדזער יידנטום פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון קאַנאַדע, פון דרום־אַמעריקע, די יידן פון ארץ־ישראל — איבער צוועלף מיליאָן יידן, וואָס האָבן גערעדט, געלייענט און זיך אויסגעלעבט אויף יידיש — דאָס איז געווען ס׳פּוילישע יידנטום.

ווי איר זעט איז ס׳פּוילישע יידנטום נישט בלויז אַ געאָגראַפישער באַגריף. ס׳איז פיל מער. ס׳איז אַן אידייאישער.

דער פּוילישער ייד מיט דער באָרד און פּאות, מיט דער קאַפּאָטע און שטריימל, מיט זיין אייגנאַרטיקן יידיש, מיט זיין גמרא־לערנען, מיט זיין וועלט־קוק און לעבן־קוק, דער פּוילישער ייד איז נישט בלויז דער אמתער יורש פון דעם בבלישן ייד, נאָר אויך דער איינציקער יורש פונעם „נוסח אשכנז״. און נוסח אשכנז, ווי **ס׳פּוילישע לומדות**, האָט נישט געזוכט קיין עיקרים, האָט נישט געזוכט קיין דאָגמעס אין גלויבן. מען האָט נישט געהאַט קיין טענות צום פאָלק, ווי די לומדים פילאָזאָפן אין שפּאַניע. דער שכל — האָט ער אַפילו געמעגט זיין שאַרף ווי אַ חלף — האָט נישט געוואָלט הערשן איבער דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. די ערטער אין תנ״ך, אין מדרש, וואו די ספרדים האָבן געזען „הגשמת הבורא״, געזען אין דעם אַנטראָפּאָמאָרפיזם — דווקא די פּסוקים זענען געווען צום הארצן די לומדים פון פּוילן. דאָס איז געווען די געהיימע בריק, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם שכל צו דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. און וואָס טיפער און אַבסטראַקטער אַ

רעיון, אַלץ בילדלעכער און מענטשלעכער האָט די פאַנטאַזיע אים געמאָלן.

אין די שטעטלעך פוןביידע זייטן ווייסל איז גאָט אַרומגעגאַנגען נישט בלויז אין די רבייאישע היף, נאָר אויך צווישן די פשוטע יידן, צווישן די פאָלקס-מענטשן.

נישט אַלץ איז געווען דער האַרבער דין. גרויס אָנזען האָט אין פוילן געהאַט דער מנהג. און מנהג — דאָס איז פאָלקס-שאַפן, פאָלקס-פאַנטאַזיע. אַ מנהג איז עלאַסטיש ווי די תורה. אַ מנהג פּענטעט נישט ווי אַ דין. דער־ריבער טאַקע האָט „נוסח אשכנז" אין די יונגע שאַפערישע יאָרן קיין „שלחן ערוך" נישט געשאַפן און נישט געוואָלט שאַפן. מען האָט זיך גע־צירט אין מצוות, אָבער נישט אין קיין עיקרים. איז אַ ייד אַראָפּ פון דרך הישר, האָט געזינדיקט, האָט ער תשובה געטאָן. ווי זאָגט אַ כראָניקער פון יענער צייט: כופרים בעיקר, ווי אין ספרד, זענען אין אשכנז, אין פוילן, קיינמאָל נישט געווען.

גרויסע מענטשלעכע פשטות, טיפער גלויבן, וואָס ווייסט נישט פון קיין פּענטעס — דאָס איז נוסח-אַשכנז, דאָס איז נוסח-פוילן.

נישט בלויז די ישיבות פון פויזן און לובלין, נישט בלויז די ישיבות פון וואָלאָזשין און סלאָבאָדקע, נאָר אויך די צישאַ-שולן, דער ווילנער ייוואָ־אינסטיטוט, זענען אַ המשך פון סורא און פומבדיתא.

און מיט וואָס פאַר אַ ברייטער האַנט האָט ס׳פוילישע יידנטום באַריי־כערט פעלקער און קולטורן, באַרייכערט מיט תורה און מיט וויסן.

ס׳איז גענוג זיך צו פאַרטיפן אינעם 19-טן יאָרהונדערט, אינעם אָנהויב פונעם צוואַנציקסטן. ס׳יידישע פויזן האָט באַרייכערט די דייטשישע קול־טור, ס׳יידישע גאַליציע — די עסטרייכישע, ס׳יידישע קרוין-פוילן — די פוילישע, די רוסישע, די פראַנצויזישע. זביטקאָווערס אייניקל — הענרי בערגסאָן — איז דאָס שטאָלץ פון פראַנקרייך. און ווען נישט דער ייד פון אַרום פויזן, אַלבערט מייקעלסאָן, וואָלטן די פאַראייניקטע שטאַטן זיך נישט געהאַט איבערצונעמען, אַז אָן דעם אַמעריקאַנער מייקעלסאָן, וואָלט קיין איינשטיין נישט געווען.

די וועלט האַלט, אַז מיר יידן זענען פראַקטישע מענטשן. פאַרטיפט מען זיך אָבער אינעם שאַפן פון די פוילישע יידן, דעקן זיך פאַר אונדז אויף אַנדערע טענדענצן — איראַציאָנאַלע, מיסטישע. די מיסטיק פון חסידות, בערגסאָנס אינטואיציע, לאַצאַרוסעס — די נשמה פון פעלקער, קראַכמאַלס — אויסדערוויילטע פעלקער, פּרצעס — פאָלקסטימלעכע מעשות — — —

דאָס איז ווידעראַמאָל גרויסע מענטשלעכע פּשטות, טיפער גלויבן, וואָס ווייסט נישט פון קיין פּענטעס — דאָס איז ס'פּוילישע יידישקייט, דאָס איז **נוסח־פּוילן**.

און דאָס יידנטום איז חרוב ונחרב.

מיר באַגרייפן נאָך אַליין נישט, ווי גרויס איז אונדזער חורבן.

מיר געדענקען דאָך אַלע, ווי די גאַנצע וועלט איז אויפגעשוידערט געוואָרן, ווען מען האָט סאַקי און וואַנזעטן, דעם אָרעמען, אומשולדיקן פישער, דעם אָרעמען אומשולדיקן שוסטער, הינגעריכטעט. אין אַלע טיילן וועלט זענען טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענטשן יענע נאַכט נישט געשלאָפן. און דאָ האָט מען איבער פינף יאָר געמאָרדעוועט אונדז יידן, און קיינעם איז עס נישט אָנגעגאַנגען. מען האָט דאָך מער יידן אויסגעמאָרדעוועט, ווי עס זענען דאָ פינלענדער און נאָרוועגער אויף דער וועלט, און קיינעם איז עס נישט אָנגעגאַנגען. און די מלוכות, וואָס רעדן אין נאָמען פון יושר און גערעכטיקייט, אַפילו די קומען בלויז אָפּ מיט הבטחות. קיין איינע פון זיי האָט נאָך דערווייל נישט געעפנט די טויערן פאַר די גערודפטע יידן.

און מיר יידן?

פון צרות איז ס'לשון ביי אונדז **נישט** אָפּגענומען געוואָרן. מיר רעדן שוין צופיל. נאָר ס'וואָרט נעמט נקמה אין אונדז. ס'וואָרט וועקט נישט און וואַרעמט נישט, און אַז ס'טוט זיך אַמאָל אַ צינד אָן, איז עס ווי אויסגעדראָשן שטרוי — ס'טוט אויף אַ רגע אַ פלאַקער און ס'לעשט זיך גלייך אויס. ווייל נישט בלויז דער מענטש איז הפקר, נאָר אויך ס'וואָרט. ווען ס'מענטשלעכע וואָרט וואָלט נישט געווען אַזוי הפקר, וואָלטן די, וואָס האַלטן נישט פון גלות, די „שוללי הגלות", זיך נישט צוגעאיילט מיט זייער קדיש־זאָגן נאָכן גלות. ווען איובס חברים זענען אים געקומען טרייסטן און האָבן אים דערזען אין זיין פינצטערן בראָך, זענען זיי פאַרשטומט געוואָרן. זיבן טעג און זיבן נעכט זענען זיי מיט אים געזעסן און געשוויגן, אַזוי גרויס איז געווען איובס צער.

ס'מענטשלעכסטע וואָלט געווען פאַר די פאַרלייקענער פון גלות זיי זאָלן איצט שווייגן. און אַז די צייט וועט קומען זיך אויסצוטענהן וועלן מיר נישט בלייבן הינטערשטעליק. און לאָז עס דאָ געזאָגט ווערן — דאָס יידיש־

קייט, וואָס איז נתגלה געוואָרן אויף דער וועלט, **דאָס איז גלות־יידישקייט.** און דער גלות איז נישט קיין געטאָ־גלות. פון אונדזער משהן — יהוהס ערשטער **נביא־שליח** ביז דעם לעצטן נביא — דאָס איז איין דראַנג צו גיין אין דער וועלט אריין „לתקן עולם במלכות שדי". צו דערהייבן און אויס־לייזן דעם מענטש. מישט נישט צונויף דעם יידם גיין אין דער וועלט אריין מיט דער אויסגעהוילטער שווינדזיכטיקער יעזוס־„מסיע" פונעם ריפּאָרם־יידישקייט. ס'איז פיל טיפער. און אונדזער „גלות", וואָס איז שוין אין כורשם צייטן געווען פאַרשפּרייט איבער גאַנץ קליין־אַזיע, האָלט נישט אָן קיין צוויי טויזנט יאָר, נאָר צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר. ביים „בית שני" איז יהודה געווען זעלבסטשטענדיק בלויז איין און זיבעציק יאָר, פון שמעון דעם חשמונאי ביז דער מלכה שלומית. לייקנט אָפּ דעם גלות, מוז מען במילא אויך אָפּלייקענען די נביאים, די תנאים, די אמוראים, יהודה הלוין — **די טרעגער פון „ציון" און פון דער גלות־אידייע.**

און ווען ס'וואָלט געווען אַנדערש, ווי וואָלט אַזאַ תנא ווי ר' יוחנן בן זכאי „שקבל תורה מאנשי כנסת הגדולה", ווי וואָלט ער פרייוויליק אויס־געביטן אַ יידישע מלוכה, ס'בית המקדש, אויף אַ ישיבה אין יבנה? און ס'פאָלק איז נאָכן חורבן געגאַנגען מיט יוחנן בן זכאין. און ווייסט איר, אַז ס'האָט גענומען אַכט הונדערט יאָר ביז ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן ס'ערשטע קלאָג־ליד, די ערשטע קינה, אויפן צווייטן חורבן? „איכה" איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון ירמיהון. און אַז מען האָט יאָ עפּעס אָנגעשריבן, ווי „עזרא דער פערטער" און דער „סירישער ברוך", האָבן יידן דערפון נישט געוואָלט וויסן. און ווען נישט די קריסטן, וואָס זיי האָבן עס פאַרהייליקט, וואָלטן מיר עס אין גאַנצן נישט געהאַט. ערשט דער פּיטן הקליר האָט אָנגעשריבן די ערשטע קינה, וואָס מיר האָבן זי אָנגענומען. ווי קומט עס?

ווייל ביים צווייטן חורבן זענען מיר שוין געווען אַ וועלט־פאָלק. און ווי גרויס ס'איז נישט געווען דער ווייטיק פונעם חורבן, און ווי שטאַרק מיר זענען נישט אָפּגעגאַנגען אין בלוט, האָבן מיר שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז מיר גייען נישט אונטער, אַז יידן און יידישקייט זענען נישט אָפּהענגיק פון איין לאַנד, ווי טייער דאָס לאַנד זאָל אונדז נישט זיין.

געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס בויען היינט ארץ־ישראל. ס'איז היינט־צו־טאָג אונדזער ליכטיקסטער ישוב. און מיר האָבן פּונקט אַזאַ רעכט

אויף אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, ווי גריכן האָבן אַ רעכט אויף זייער מלוכה אין גריכנלאַנד. נאָר שטעלן דעם קיום פונעם גאַנצן יידישן פאָלק, פון אַ וועלט־פאָלק, בלויז אויף איין ישוב, מעג ער זיין דער טייערסטער און ליכטיקסטער, טאָרן מיר נישט. דעמאָלט הערן מיר אויף צו זיין אַ וועלט־פאָלק.

און ווי גרויס דער היינטיקער בראָך זאָל נישט זיין, און ווי טיף מיר זאָלן נישט אָפּגיין אין בלוט, גייען מיר נאָך אַלץ נישט אונטער.

ס'האָבן זיך מיט אַמאָל געגומען באַוויזן אַזויפיל וואָרזאַגערס, פינצטערע וואָרזאַגערס, וועמען דער יידישער עבר, אין ברייטסטן זין, איז פרעמד. און ווי דער שטייגער פון וואָרזאַגערס, איז זייער היינט געזיכערט, ווייל די לייט זעען שוין זיי זאָלן שטענדיק זיין ווייט פון יעדער געפאַר, דערפאַר טאַקע ווייסן זיי, אַז מיר, יידן, גייען אונטער. דאָס האָבן זיי געלערנט ביי דער פאַפּוגאַי, וואָס זיצט אויף דער יידישער קאַטערינקע און שפּילט זיך מיט אונדזער גורל.

ניין, יידן, מיר גייען נאָך נישט אונטער.

זעט איר, נישט איינמאָל חידוש איך זיך פאַרוואָס מיר זענען ביז היינט נישט אונטערגעגאַנגען. ווי נאָך זענען מיר בייגעקומען די גזירות און שחיטות פון תתנ"ו, די קרייצצוגן — ווען די גאַנצע וועלט האָט זיך אָנגעזעצט אונדז אויסצוראָטן — מלוכות און די קירך, ס'אַדל און קנעכט, שררים און ס'פּעוועל.

האָבן יידן דערויף אַ פּאַרטיקן תירוץ — צרות און פורעניות גיבן צו כוח, ווי אין פסוק שטייט — „ואשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ" — ווי זיי האָבן ס'יידישע פאָלק געפּייניקט, אַזוי האָט זיך עס געמערט און אַזוי האָט עס זיך געשפּרייט.

אויב אַזוי, ווי נאָך זענען מיר בייגעקומען די זאַטקייט, דעם וואוילטאָג און ס'עשירות, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אינעם יידישן לעבן, ווי אַ מגפה, ביי אונדז צוגענומען מער יידן דורך פּריווויליקן שמד, ווי די שחיטות און קרייצצוגן? מיר האָבן דאָך אויך געהאַט מלכים צדיקים, וואָס האָבן נישט געדרודפט קיין יידן, וואָס האָבן ליב געהאַט יידן. פאַרוואָס האָבן זיך יידן נישט אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער וועלט?

האָט מען דערויף אויך אַ פאַרטיקן תירוץ — ס'יידישע רעליגיעז לעבן האָט אונדז אויפגעהאַלטן. דאָס איז נישט מער ווי א השערה. אין אַ

סך תקופות פונעם דריטהאַלבן טויזנט יעריקן גלות האָבן מיר קיין מצוות פונקט אַזוי נישט אָפּגעהיט, ווי מיר היטן זיי היינט נישט אָפּ. ס'איז אַ טעות, אַז דער דייטשישער פרומער ייד פון 16־טן יאָרהונדערט, דער פּוילישער פרומער ייד פון 16־טן יאָרהונדערט, אַז דער ייד איז געווען דער טיפּ־ייד פון אַלע תקופות און פון אַלע לענדער. אין דער צייט פון די בעלי־תוספות, די אמתע טאַטעס פון אַלע שפּעטערדיקע „שלחן־ערוכ"ס, איז אַזאַ וויכטיקע מצווה ווי לייגן תפילין, כמעט ווי נישט אָפּגעהיט געוואָרן. דורות פריער האָבן די גאונים פון בבל זיך געקלאָגט, אַז יידן זענען נישט מלע די קינדער, אַז זיי טרייבן זנות און גילוי־עריות.

נעמט די אַפּיקורסישע, אַנטי־רעליגיעזע באַוועגונג אין בבל, וואָס איר אָנפירער איז געווען חיווי אל־בלכי. ווען די באַוועגונג האָט צוגענומען מער ווי אַ העלפט פונעם דעמאָלטדיקן יידנטום. בלעטערט די שו"ת. רבנים קלאָגן זיך, אַז מיר גייען אונטער, מען היט נישט אָפּ קיין מצוות, מען איז ווייט פון דער יידישער אמונה.

און דאָך זענען מיר געבליבן לעבן.

פרעגט זיך: וואָס האַלט אונדז אויף?

אונדזערע „רעאַל־פּאָליטיקער" לאַכן פון אונדז, טענהן, אַז אויף יעדער צרה האָבן מיר אַ פּאַרטיקן פּסוק. און אַזאַ „אויסגעדראָשענער" פּסוק איז אויך: „מיר האָבן איבערגעלעבט המנען, מיר האָבן איבערגעלעבט די בבלים, די גריכן, די רוימער, וועלן מיר אויך איבערלעבן די נאַצים".

פרעג איך:

און אַז 25 הונדערט יאָר האָבן אָנגעהאַלטן די פּסוקים — ס'איז געווען בדוק ומנוסה — — — הינטער יעדן פּסוק, ווי הינטער אַ פּאַנצער, וואַרצלט אַ יידישער לעבן־קוק, פאַרוואָס זאָלן די פּסוקים — דער יידישער לעבן־און־וועלט־קוק — דווקא איצט זיין באַנקראָט?

און פאַרקערט — ווען יידן וואָלטן יאָ געגלייבט, אַז היינט, מאָרגן וועט מען זיי אויסשעכטן, וואָלטן זיי דערמיט אויסגעמיטן די קאַטאַסטראָפע?

איך האַלט, אַז דווקא אין דעם גלויבן, אין די פּסוקים, אַז אונדזער שכן, דער נישט־ייד, איז אויך אַ מענטש, נישט קיין ווילדע חיה, אין דעם גלויבן, ליגט אונדזער כוח. דער גלויבן האַלט שוין אונדז אויף טויזנטער יאָר. דער גלויבן האָט אונדז געגעבן כוח ווידער אויפצובויען ארץ־ישראל

נאָך גלות בבל, אויפצובויען יידישע ישובים איבער גאָר דער וועלט, גיט אונדז כוח צו בויען ארץ־ישראל היינט.

און אַז ראַמעל מיט זיינע האָרדעס זענען געשטאַנען ביי די טויערן פון עגיפּטן, איז דען נישט געשען קיין נס, וואָס ארץ־ישראל האָט אויסגעמיטן די קאַטאַסטראָפעס?

און וואָס איז אַ נס? נישט קיין פּסוק?

מיר האָבן דאָך שוין נישט איינמאָל געזען, אַז תמיד, ווען ס'האָט שמאָל, ס'האָלט ביי גסיסה, ווי מיר יידן האָבן געהאַלטן ביי אַנטיוכּס עפּיפאַנוס — אַלע האָבן געמיינט, אַז ס'איז יציאת־נשמה — האָט ערגעץ אין אַ העק, אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל מודיעין, זיך אָנגעצונדן אַ פלעמל. פונעם פלעמל איז געוואָרן אַ פלאַם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ס'גאַנצע יידישע פאָלק, עם קריק מחיה־מתים געווען.

און וואו ס'איז דאָ אַ יידיש לעבן, דאָרט איז אויך דאָ — דער חשמונאים פלאַם פון מודיעין, דער בר־כוכבא פלאַם פון ביתר, דער ר' עקיבא פלאַם, וואָס אין יעדער עת־צרה פלאַקערט ער אויף און ס'ווערט נישט בלויז געבוירן אַ נייער יידישער ישוב, נאָר אויך אַ ווידערשטאַנד ווי דער ווידערשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ, ווייל אין אונדז, יידן, לעבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג די כוחות פון ביידע יוחננס — דער כוח פון יוחנן בן זכאי, און דער כוח פון יוחנן גוש חלב.

אין מודיעין, אין ביתר, אין דער וואַרשעווער געטאָ, גייען נאָך די פּסוקים האַנט־אין־האַנט מיט שווערד און ביקס. געווען אָבער צייטן, ווען בלויזע פּסוקים, **פּסוקים ממש**, האָבן אונדז געראַטעוועט פון אונטערגאַנג. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען אונדזער נאַציאָנאַלער זכרון־קאָנטינואיטעט איז נאָך נישט געווען איבערגעריסן, ווי ער איז היינט. ס'איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזאַ ירידה, ווי ס'איז היינט. יעדער ייד האָט געוואוסט, אַז אור־קריסטנטום — אַ קאַריקאַטור פון יידישקייט — וויל אונדז עוקר מן השורש זיין.

און אין נאָמען פון ישו, דעם גאָט פון ליבע און חסד, מאָרדעוועט מען אונדז שוין איבער אכצן הונדערט יאָר. אונדזער גאָט, יהוה, דער „אל נוקם ונוטר", האָט נישט געוואָלט אָננעמען אברהמס קרבן, האָט נישט געוואָלט צונעמען יצחקן, אָבער ישו, דער גאָט פון ליבע און חסד, קען זיך גאָר נישט אָנזעטיקן מיט יידיש בלוט, ווי דער גאָט־קאַניבאַל מולך.

און ווי געזונקען זענען מיר יידן, אַז אין אונדזערע ביידע שפּראַכן, אין יידיש און אין העברעאיש, האָט מען דווקא היינט גענומען באַזינגען ס'קריסטענטום.

דאָס איז יידישע ירידה.

ס'זענען געווען אַנדערע צייטן:

אַ פינף און זיבעציק יאָר נאָך יעזוסן, ווען די אור־קריסטן, די מינים, האָבן זיך פאַרנומען אַרויסשטופּן מיטן ברית חדשה אונדזער תורה, האָבן געהאַלטן אין איין אָפּלאַכן פון אונדזערע חוקים, האָבן זיי אַזוי געטענהט:

„— — — קוקט, יידן, אברהם האָט נישט געהאַט קיין תורה. ער האָט נישט געהיט קיין חוקים און פונדעסטוועגן האָט זיך גאָט צו אים נישט איין מאָל באַוויזן. ווייל גאָט דאָס איז ליבע, חסד... דאָס איז ישו... נישט קיין טרוקענע חוקים..."

דערויף האָבן אונדזערע תנאים, גאַנצע יידן, וואָס האָבן געגלייבט אין פּסוקים, געענטפערט מיט אַ פּסוק:

— אויב אַזוי, האָט אברהם אָפּגעהיט די גאַנצע תורה, איידער זי איז נאָך געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני.

און דער פּסוק האָט אונדז געראַטעוועט.

דער פּסוק: „שפוך חמתך" האָט אונדז אויפגעהאַלטן מיזנטער יאָרן און האַלט אונדז נאָך היינט אויף.

„שפוך חמתך" איז שטאַרקער געווען פון די פייערן, וואָס האָבן געברענט יידן, שטאַרקער געווען — פון די צלמים, וואו מען האָט געקרייציקט יידן, שטאַרקער פון תליות און ביקסן. און „שפוך חמתך" האָט נאָך היינט אין זיך דעם כוח ביַיצושטיין דאָס רשעות פון די „אַריער".

די פּסוקים האַלטן אונדז אויף.

און היינט, ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען פון דער „שבעה" נאָך אַ דריטל יידן, וואָס זענען אומגעקומען ווי יידן, ווי קדושים, ווייל יעדער אומגעקומענער ייד איז אַ קדוש, צי עס פּאַסט זיך אריין אין דער קלאַסיפיקאַציע פון קדושים, צי נישט — היינט־צו־טאָג לעבט נאָך דער שבט פוילן.

מיר ווייסן, אַז דער מאָרגן נאָך דער מלחמה קען נישט זיין אַן דעם נעכטן, קען נישט זיין אַן דעם היינט. דאָס וואָס אונדז דאַכט זיך, אַז ס'האָט זיך עפּעס אָפּגעשטעלט אין דער געשיכטע, פון די געוואַלד־ריסן האָט זיך

גענומען שפּרייטן אַ תהום אונטער אונדזערע פיס, נעמט עס זיך דערפון, וואָס איבער די מלחמה־קאַטאַסטראָפעס האָבן מיר פאַרלוירן די פעדעם, וואָס פאַרבינדן דעם נעכטן מיטן היינט, דעם היינט מיטן מאָרגן.

אונדזער חורבן קען מען בלויז פאַרגלייכן מיטן חורבן בית־שני.

פרעגט זיך: וואָס איז טאַקע געוואָרן פון דער יידישער קולטור אויף צו מאָרגנס נאָך חורבן בית־שני? און נישט בלויז פון דער קולטור, אויך פונעם בית המקדש? אויך פון דער יידישער רעליגיע?

ס״יידישע לעבן, דער ווילן צום לעבן, דער יידישער אויפדויער און דאָס יידישע עקשנות, האָבן אויפן איינגעפונדעוועטן לעבן, אויף די נכסי דלא נידי, וואָס מען האָט נישט געקענט מיט זיך מיטנעמען אין וועג אריין — כ׳מיין אויפן בית־המקדש, אויף די קרבנות, אויף דער רייכער ליטע־ראַטור — אויף די אַלע פאָלקס־גיטער האָט מען אויסגעשטעלט וועקסלען, וואָס מען קען זיי אריינלייגן ערגעץ אין אַ זייטיקער קעשענע, אַבי מיטצו־נעמען אין וועג אריין.

אַנשטאָט אַ בית־המקדש — אַ בית־המדרש, אַנשטאָט קרבנות — דאַ־וועגען, אַנשטאָט שיר־השירים, רות און קהלת — מדרש רות, מדרש שיר־השירים, מדרש קהלת. און אַז ס׳ווערט שלעכט, גאָר שלעכט, טל־עט נאָך ערגעץ אַ פאַרבאָרגן „פּינטעלע ייד״, דין און אומזעבאַר, ווי דער חומר היולי — דאָס „פּינטעלע ייד״, וואָס דער משכיל און דער ראַדיקאַל האָבן זיך דערמיט אַזוי געוואָרפן. דאָס פּינטעלע ייד האָט אונדז נישט איין מאָל געראַטעוועט.

און אַז די פסוקים ווערן אויסגעליידיקט, ווערן אויסגעוועפּט טאָר מען זיי נישט אָנפילן מיט געצנדינערייַ, טאָר מען זיי נישט אָנפילן מיט קריכטנ־טום, נאָר מיט יידישן אינהאַלט.

מען דאַרף שעפן פון אייגענע רעזערוואוואַרן, וואָס אונדזערע אבות־אבותינו, די „אתה־בחרתנו״־יידן האָבן אונדז איבערגעלאָזט, די יידן מיט וועלט־היסטאָרישן אחריות.

און כאָטש היטלער איז טויט, די דייטשן באַזיגט, דערשלאָגן, דאַרפן מיר יידן, נאָך אַלץ אויפרודערן די וועלט קעגן דעם יידן־האַס, קעגן דעם יידן־סם, וואָס די נאַצים האָבן איבערגעלאָזט צווישן די פעלקער.

די וועלט איז צופיל פאַרטאָן מיט זיך. מען דאַרף שטענדיק געדענקען זיגלבוימס לעצטע ווערטער:

„— — — מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן דער פּאַסיווקייט, מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו און דערלאָזט די אויסראָטונג פונעם יידישן פאָלק“.

דאָס איז אויך די צוואה פון א ר׳ עקיבא, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט רוים, די צוואה פון אַ שלמה מולכו, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט קאַרל דעם פינפטן. אָט מיט די כוחות האָבן די וואַרשעווער געטאָ-יידן גאַנצע דריי וואָכן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די נאַציישע רוצחים.

די כוחות פון דער וואַרשעווער געטאָ, וואָס קומען אויף אין פיין און ווי, וואָס גייען אויף אין יידיש בלוט, אָט-די כוחות האָבן די פּוילישע יידן, די שארית הפליטה, אויסגעשמידט אין זיך.

און לאָמיר נישט מיינען, אַז דער ביטערער גזר איז אויסגעגאָסן בלויז אויף אונדזער דור. צי מיר ווילן, צי נישט — דאָס איז אונדזער געשיכטע.

איז עס טאַקע אַ שטיק פייער — ווי ר׳ שלמה בן ווירגאַ האָט געטראַכט — אַ שטיק פייער, וואָס לייכט פאַר אַנדערע, ווען ס׳האַלט זיך אליין אין לעשן?

ס׳איז יאָ און ס׳איז נישט.

פון איין זייט האָבן אונדזערע גרויסע יידן פון גירוש-שפּאַניע, אונדזערע אברבנאלס, אַנדערש געטראַכט. זיי האָבן געזען אינעם ייד אַ וועלט-פאָלק. און אויב זיי האָבן גערעדט וועגן אַ שלאַכטפעלד, איז עס אַ יידיש שלאַכטפעלד, וואו קיין אַרמיי איז נישטאָ, קיין פלאַט איז נישטאָ. ס׳איז דאָ בלויז ס׳וואָרט — מעג עס זיין ס׳וואָרט פונעם אַנאָנימען ספר „כף הקטרת“, אַ פּירוש אויף תהילים, וואָס איז געשריבן געוואָרן אַ זעקס, זיבן יאָר נאָך גירוש-שפּאַניע. דאָס איז אַ **מלחמה**-געזאַנג וועגן „קץ“. און מיטן כוח פון תהילים קען יעדער אמתער ייד „להרוג ולאבד את האויבים“.

און פון דער צווייטער זייט שפּראָדלען מיר, דאָס וועלט-פאָלק, מיט ביידע כוחות, מיטן כוח פון אַ יוחנן גוש חלב און מיטן כוח פון אַ יוחנן בן זכאי.

די ביידע כוחות האַלטן אין אַנגעמען פאַרשידענע פאָרמען און געשטאַלטן. האָבן די כוחות געמענט זיין משיח בן-יוסף און משיח בן-דוד, האָבן זיי געמענט זיין די מלחמה פון גוג ומגוג און די „אתחלתא דגאולה“, האָבן זיי געמענט זיין ארץ-ישראל און דער גלות.

מיט די צוויי כוחות האָבן מיר באַזיגט די אַראַבישע מלוכות, צוריק געקראָגן אונדזער לאַנד און גלייכצייטיק בלייבן מיר דאָס וועלט-פאָלק, וואָס טראָגט אין זיך דעם „אחד". דער יידישער „אחד" איז שטענדיק געווען און איז דער סינטעז צווישן די צוויי שעפערישע כוחות, וואָס האָבן געלעבט און לעבן אינעם יידישן פאָלק.

בלויז אַזוי דאַרף מען קוקן אויף דער יידישער גאולה. נישט פון קיין פּאַרטיי-שטאַנדפּונקט, נאָר פונעם „נצח-ישראל"-שטאַנדפּונקט, ווייל דער נס פון ישראל, איז דער נס פון יידישקייט, די איינציקע ירושה, וואָס מיר האָבן נאָכן חורבן מיטגענומען אין די גלות-לענדער, מיטגענומען, אָפּגעהיט מיט לייב און לעבן און געזען, אַז דער פלאַם זאָל אָנהאַלטן.

און די קדושה פונעם „אחד" האָט אונדז געראַטעוועט. גאַנץ ארץ-ישראל איז אין דער מלחמה געווען איין קדושה. אַנדערש וואָלטן די חלוצים, וואָלטן די סאַברעס און די פרומע יונגעלייט מיט פּאות, נישט געגאַנגען מיט געזאַנג אין שלאַכט אריין. טאַטעס-מאַמעס, זיידעס-באָבעס האָבן אין זיך גובר געווען נישט בלויז הונגער און דאָרשט, נאָר דער עיקר דעם טויט פון די נאָענטסטע.

דאָ האָט מען באַשיינפּערלעך געזען, ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, די גאַנצע אומה, האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון נאַציאָנאַלן „תיקון", וואָס ווייסט נישט פון קיין שטאַנדן, וואו אַלע יידן זענען גלייך, צי אין ארץ-ישראל, צי אין אַלע יידישע ישובים איבער דער גאַרער וועלט.

דער נס פון ארץ-ישראל, איז דער נס פון יידישקייט, וואָס ס'גאַנצע פאָלק טראָגט אין זיך. ס'איז דער נס פונעם „אחד". און וואָס טיפער אַ ייד נעמט אויף דעם „נצח-ישראל", זאַפּט אין זיך איין דעם „אחד", אַלץ טיפער נעמט ער אויף און לעבט איבער דעם נס פון ישראל.

1948

„נסים און פסוקים" —
אן ענטפער
חיים גרינבערגן

מיין ליבער חיים גרינבערג:

איך האָב איבערגעלייענט און איבערגעלייענט אייערע ביידע אַרטיקלען: „נסים און פסוקים"[1] — אַן ענטפער אויף מיין עסיי „קיום, נישט אונטערגאַנג"[2] — און ביי זיך געטראַכט: ווען איינער וועט בלויז איבערלייענען גרינבערגס ענטפער, נישט מיין עסיי, וועט ער דאָך מוזן קומען צום אויספיר, אַז אַפּאַטאָשו איז פאַר גלות און קעגן ארץ־ישראל.

אַזוי אָוועקשטעלן די פראַגע לוינט זיך אפשר פאַר אַ געניטן דעבאַטאַנט, ס'איז אָבער אַן אומרעכט צו מיר, קאָלעגע גרינבערג. איר האָט אפילו געהאַלטן פאַר נייטיק אָפּצואווענדן בערגסאָנס יידישקייט און מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט מיין שטעלונג צו ארץ־ישראל. טו איך עס אליין. איך ציטיר זיך:[3]

„...געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס בויען היינט ארץ־ישראל. ס'איז אונדזער ליכטיקסטער ישוב. און מיר האָבן פונקט אַזאַ רעכט אויף אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, ווי גריכן האָבן אַ רעכט אויף זייער מלוכה אין גריכנלאַנד. נאָר שטעלן דעם קיום פונעם גאַנצן יידישן פאָלק, פון אַ וועלט־פאָלק, בלויז אויף איין ישוב, מעג ער זיין דער טייערסטער און ליכטיקסטער, טאָרן מיר נישט. דעמאָלט הערן מיר אויף צו זיין אַ וועלט־פאָלק".

איצט צום ענין. איר שרייבט, קאָלעגע גרינבערג, אין אייער צווייטן קאַפּיטל:

„...צוליב וואָס אַפּאַטאָשו האָט געדאַרפט אַריינברענגען אין זיין אַרגומענטאַציע אי די נביאים, אי די אמוראים, אי יהודה הלוי, און זיך אַ זאָג געטאָן, אַז ווער עס לייקנט אָפּ דעם גלות, מוז ממילא אויך אָפּלייקענען זיי, איז מיר אומפאַרשטענדלעך. איך ווייס נישט פון קיין נביאים, וואָס זענען געווען אַדוואָקאַטן פון לעבן אין גלות — — — און די גאַנצע תלמודישע ליטעראַטור איז אַזוי צו זאָגן, פּאַלעסטינאָצענטעריש — — — און נאָך וואָס טאָן אַזאַ אומרעכט יהודה הלוין? — — — עס וועט נישט זיין צו עקסטרעם צו באַהויפּטן אַז ספּעציעל אין „כוזרי" דערשיינט פאַר אונדז יהודה הלוי

1) „יידישער קעמפער", 15, 22 מערץ, 1946
2) „זאַמלביכער", 6
3) „זאַמלביכער", 6, זייט — 490

אלס יפעטישיסטי פון ארץ־ישראל — — — און ס׳איז נישט ריכ־טיק, אז אזא תנא, ווי ר׳ יוחנן בן זכאי — — — האט פרייוויליק אויסגעביטן א יידישע מלוכה, סיבית המקדש, אויף א ישיבה אין יבנה״ — — —

מיין ליבער חיים גרינבערג, איך חידוש זיך, וואס איר שטעלט די אלע פראגן מיט אזא זיכערקייט. ווייסט איר דען נישט, אז ווען די ישיבות פון מתא־מחתיא און פון פומבדיתא האבן גענומען פארטונקלען די ישיבות אין ארץ־ישראל, ווען דער צענטער פונעם יידישן לעבן איז אריבער פון ארץ־ישראל קיין בבל, דעמאלט האט דאס ליכט פון „קדושת הארץ״ אויך זיך גענומען לעשן. און מיטן וואוקס פון בבלישן ישוב, איז געבארן געווארן „קדושת בבל״. מען האט גארנישט מורא געהאט צו זאגן, אז בבל איז נאך הייליקער פון ארץ־ישראל, ווייל עזרא האט שוין אין זיין צייט געזען, אז די יידן פון בבל זאלן זיין דער „סולת״, דאס זעמלמעל, ווען אין ארץ־ישראל איז פארבליבן דער „ערב־רב״, דאס „דלת־העם״, וואס האט געדינט צום ארץ־ישראלדיקן אפגאט „בעל״. ס׳איז געגאנגען אזוי ווייט, אז דער אמורא ר׳ יהודה האט געהאט די העזה צו זאגן: „כל העולה מבבל לארץ־ישראל עובר בעשה, שנאמר (ירמיה כ״ז, כ״ב). בבלה יובאו ושמה יהיו״ (שבת מ״א, א׳). און דער ר׳ יהודה פון בבל איז נישט געווען דער איינציקער. מען האט טאקע אין אנהויב געלאכט פון „בבלאי טפשאי״. ס|האט אבער נישט געהאלפן. די אויבערהאנט האט געהאט בבל. די ארץ־ישראל ישיבות האבן זיך געמוזט צוהערן צו די בבלישע ישיבות. אזוי הונדערטער יארן. יידן האבן אנגענומען דעם תלמוד בבלי, נישט דעם ירושלמי, וואס איז אזוי פארגעסן און פארווארלאזט געווארן, אז גאנצע טיילן זענען פארלארן גע־גאנגען. יידן פון דער גאנצער וועלט האבן אויך געשיקט זייערע „שקלים״ (נדבות) קיין בבל. מען האט דאך מתפלל געווען פארן בבלישן ישוב, מען האט געזאגט „יקום פרקן״. און יידן זאגן נאך היינט די תפילה.

און נישט בלויז גלות בבל איז ביי יידן פארהייליקט געווען. גענומט מרדכין פון שושן, וואו המן איז געווען גרייט אויסצוראטן אלע יידן פון די הונדערט־זיבן־און־צוואנציק מדינות. און אז אסתר האט זיך פאר א ווייל געקווענקלט אפצושרייען די פינצטערע גזרה, האט מרדכי צו איר געזאגט: „אויב דו וועסט נישט אפשרייען די גזרה, אסתר, וועט „רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר״.

(יא. קאָלעגע גרינבערג, דער מרדכי איז אויך געווען אַ „מעדיצין מאַן", אַ „כישוף-מאַכער", וואָס האָט געגלייבט אין „נסים, אין מופתים", ווי די היינטיקע ארץ־ישראל־יידן האָבן געגלייבט אין ראַמעלס מפּלה).

און דער מרדכי דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט נישט, אַז יידן דאַרפֿן איינפּאַקן האָב־און־גוטס און פליען קיין ארץ־ישראל. ווייל שוין דעמאָלט האָבן יידן געוואוסט, אַז אונדזער קיום הענגט נישט אָפּ בלויז פון איין לאַנד.

און פונדעסטוועגן איז המן געווען דער סימבאָל פון יעדן היטלער ביזן היינטיקן טאָג. און דער גלות יום־טוב „פורים" ווערט מער אָפּגעהיט ווי שבת.

איז דאָס אַלץ אַזוי איינפאַך, קאָלעגע גרינבערג?

און אַז דער צענטער אין בבל האָט זיך גענומען וואַקלען, די יידישע ישובים אין מערב־איירופּע האָבן געהאַלטן ביים איבערנעמען ס'פירער־שאַפט, האָט נישט געהאָלפן, וואָס שרירא גאון האָט זיי געשטראָפט, גע־טענהט, אַז בבל איז דער יידישער „קאָפּ", די ישיבה אין בבל איז אונדזער סנהדרין, און דער „גוף" דאַרף נאָכגיין נאָכן „קאָפּ".

די יידישע ישובים אין מערב־איירופּע זענען דעמאָלט שוין געווען זיכער ביי זיך, אַז זיי טראָגן דעם „תוך" פון יידישקייט. בבל איז געבליבן ביים „שאָלעכץ". מעג די שאָלעכץ זיין פון דער שענסטער פּרי, פון אַ מיל־גרוים, בלייבט עס אַלץ שאָלעכץ. און דיכטער ווי ר' שמואל הנגיד, ווי אבן־גבירול האָבן אין זייערע קינות באַוויינט דעם אונטערגאַנג פון בבל, ווי מען האָט מיט הונדערטער יאָרן פריער באַוויינט חורבן ירושלים.

און אַזוי איז געגאַנגען און גייט דער יידישער צענטער פון לאַנד צו לאַנד.

ארץ־ישראל, וואָס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ „געאָגראַפישער" באַ־גריף, האָט קריק אָנגענומען דעם נביאיש־עטישן געדאַנק פון ירמיהון: דער קיום־ישראל איז נישט אָפּהענגיק פון אַ לאַנד, פון אַ מלוכה. און דער נבי־אישער געדאַנק האָט געבאָרן ס'גרויסע יידישע וואָרט, דעם „נצח ישראל" (ירמיה ל"א).

אוודאי אין אין יעדן באַוואוסטזייניקן ייד דאָ ליבע, דאָ בענקעניש נאָך ארץ־ישראל. די ליבע צו ארץ־ישראל איז ביי אונדז אין בלוט. דערפאַר טאָקע געפינען מענטשן, וואָס פאַרטיפן זיך נישט אין דער יידישער געשיכ־

טע, אַזויפיל סתירות ביי די נביאים, ביי די תנאים, ביי די אמוראים. דער זעלבער אמורא, וואָס זאָגט: „כל הדר בארץ-ישראל שרוי בלא עון" (כתו־בות קי"א) זאָגט אויך: „לא הגלה הקב"ה את ישראל בין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים" (פסחים פ"ז). און אַזוינע בּתירה־זאָגעבצן זענען דאָ אין די הונדערטער. זיי גייען ביי גאַנצע יידן האַנט־אין־האַנט.

ס'איז דאָך אלף-בית, אַז די נביאים האָבן אויסגעגאָסן זייער גאַנצן כעס און צאָרן אויף די יידן, וואָס ווילן דווקא זיין „ככל הגויים". און אויב דער קיום-ישראל איז נישט אָפּהענגיק ביי די נביאים פון „לאַנד און מלו־כה", אויב קיום-ישראל איז אַזוי אייביק, ווי די נאַטור-געזעצן:

„...אם ימושו החוקים האלה מלפני... גם זרע ישראל ישבתו מהיות גוי..." (ירמיה ל"א).

איז דאָך פאַרשטענדלעך פאַרוואָס ירמיה איז געווען דער „אדוואָ־קאַט" (ה. ג.) פון גלות-בבל. ירמיה האָט געהייסן די יידן בויען הייזער אין בבל, פלאַנצן וויינגערטנער, בעטן גאָט פאַר בבל.

און ווי זאָגט יחזקאל:

„...כי הרחקתים בגוים וכי הפיצותים בארצות ואהי להם למקדש מעט בארצות אשר באו שם" (יחזקאל י"א).

איז וואָס זענען ירמיה און יחזקאל, נישט קיין „אדוואָקאַטן" פון גלות? און זעט, וואָס אַזאַ שונא פון גלות, ווי דר. קלויזנער, שרייבט וועגן די צוויי נביאים אין זיין „היסטוריה ישראלית", חלק ראשון, עמ' 103:

„...הגולה היא לב האומה. כן החליט ירמיה וכן החליט יחזקאל. והחלטה זו היתה לא בלי יסוד נכון".

און ירמיהם געדאַנק פון „נצח ישראל" ציט זיך ביז דעם היינטיקן טאָג. ס'איז אינטערעסאַנט ווי דוד פרישמאַן נעמט אויף דעם נביאישן „נצח"-געדאַנק. אין זיין עסיי „על היהדות" זאָגט ער אַזוי:

„...עם בלי ארץ, לא רק שהיה אפשר ואפשר בעיני, אלה שהיה לי התכלית האחת, שאליה שואף רוח ההיסטוריה: **עם נצח הוא, עם בלי מדינה**".

איז שוין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס יידן, וואָס ווילן דווקא זיין „ככל הגויים", מוזן פאַרלייקענען די נביאים? און זיי טוען עס. זיי שטעלן דעם קיום פונעם גאַנצן יידישן פאָלק בלויז אויף ארץ-ישראל, זיי זענען די „שוללי הגלות".

דר. יעקב קלאַצקין שרייבט אין זיין בוך „די פּראָבלעמען פון מאָדער־נעם יידנטום" (זייט 42):

„...ווען ס'וואָלט געזיגט די נביאישע ריכטונג פון גייסטיקייט... און די דאָזיקע ריכטונג וואָלט באַקומען אַן אַנטשיידענעם איינפלוס אויף יידיש־קייט, וואָלטן מיר שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק אין גלות".

און איך זאָג פונקט פאַרקערט. ווען נישט דער גלות, ווען מיר וואָלטן נישט געוואָרן קיין וועלט־פאָלק, וואָלטן מיר אפשר היינט שוין אין גאַנצן נישט געווען.

ביז דעם ערשטן חורבן זענען יידן נאָך אַלץ געווען פאַרזונקען אין געצנדינעריי. מען האָט זיך נישט צוגעהערט צו די נביאים, נאָר צום אָפּ־גאָט „בעל", וואָס איז געווען דער גאָט פונעם לאַנד, פונעם „ארץ". אין בבל, וואו ס'איז געוואָרן אוים „ארץ", איז אויך געוואָרן אוים „בעל". ערשט אין בבל איז געשאַפן געוואָרן דער יידישן מאָנאָטעאיזם, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון איין לאַנד, ווייל „לה' הארץ ומלואה".

ביים אונטערגאַנג פונעם בבלישן ישוב האָט אויך שמאָל געהאַלטן מיט העברעאיש. ווען ס'וואָלטן דעמאָלט נישט געווען קיין יידן אין צרפת, אין אשכנז, ווער ווייסט צי העברעאיש וואָלט נישט געהאַט אַזאַ סוף ווי אכדית, ווי סאַנסקריט. די ספרים, די שאלות ותשובות זענען געשריבן געוואָרן אין אַראַביש. אַפילו אַזאַ ווערק, ווי רב חפץ בן יצליחס „כתב המצוות" (דער דעמאָלטדיקער „יד החזקה"), איז אויך געשריבן געוואָרן אין אַראַביש. די יידן פון צרפת, פון אשכנז האָבן קיין אַראַביש נישט געקענט. אַ דאַנק דעם יידישן „פזור" זענען העברעאיש און אַראַמיש ווידער געוואָרן די נאַציאָ־נאַלע שפּראַכן, וואָס האָבן פאַרבונדן בבל מיט דער גאַנצער יידישער וועלט.

איצט, ליבער גרינבערג, לאָמיר זיך אומקערן צו יהודה הלוין, וואָס איך רוף אים: **„דער טרעגער פון 'ציון' און פון דער גלות־אידייע".**

איר האַלט, אַז כ'טו יהודה הלוין אַן אומרעכט. ניין, גרינבערג. ביי מיר איז יהודה הלוי פון די גאָר געציילטע דיכטער, וואָס האָבן געוואָלט אין יידישן לעבן געפינען אַ באַרעכטיקונג. יהודה הלוי האָט אין זיך גע־טראָגן ס'גאַנצע יידישע פאָלק. יהודה הלוי האָט אַ וואָרף געטאָן ס'גרויסע יידישע וואָרט, וואָס לעבט נאָך היינט אין אונדז: „ואל תשיאך חכמה יונית, שאין לה פרי, כי אם פרחים". אָט־דער הלוי מיט זיין בענקעניש נאָך ציון האָט דערהויבן אונדזער גלות. ער האָט געשאַפן אַ גלות־פילאָזאָפיע, וואָס

גיט אונדז כוח ביז צום היינטיקן טאָג. דאָס האָט ער אין אָנהויב פון 12־טן יאָרהונדערט געזאָגט:

„ישראל באומות כלב באברים".

ידישקייט, סאָציאַלע גערעכטיקייט איז ביי יהודה הלוין אַ דראַנג צו ווערן איינס מיט די פאַרגאַנגענע דורות, מיט דער מענטשלעכער גאַנציקייט, מיט דער אייביקייט.

דאָס איז געווען דער וועג פון יהודה הלוין.

איך זע קיין סתירה נישט, וואָס יהודה הלוי האָט ליב אי „ציון", אי דעם „גלות". איך ציטיר דוד סלוצקים אויסגאַבע פון „כוזרי":

„...כמו זה, יחיה בגלות חיים ערבים ויפרה פרי תורתו בעולם הזה ובעולם הבא, ומי שהוא סובל הגלות מתקצף, כמעט שהוא מפסיד עולמו ואחריתו" (מאמר ג׳־י״ב).

„...יש שכר מפני שהוא נושא עול הגלות בין הכרח ורצון, כי אלו היה רוצה היה חבר לנוגש אותו במלה שיאמר בלי טורח". (מאמר א׳־קט״ו).

איז דאָס ליבע צום גלות, קאָלעגע גרינבערג?

און ווען יהודה הלוי וואָלט נישט געווען קיין באַגרינדער פון גלות, וואָלט ש״י איש הורוויץ אים אַזוי נישט אַרונטערגעריסן. דער הורוויץ, וואָס האָט זיך צעשריגן אין דער העברעאישער ליטעראַטור מיט דער חוצפה פון אַ גביר אַן אַסימילאַטאָר — אויב נישט ארץ־ישראל איז זיך אויסמישן מיט די גוים — „להיות או להתבולל" — דער זעלבער הורוויץ פרעגט נישט בלויז־אַפּ דעם „כוזרי" נאָר אויך הלוים לידער. דער „כוזרי" און די לידער הייסן ביי הורוויצן: „פילוסופיה של הגלות ושירת הגלות" („מאין ולאין?", עמ׳ 158).

דאָ גייט נישט, גרינבערג, ווי נאָך דער אויסטויש צווישן יוחנן בן־זכאין און וועספּאַסיאַנוס (ריכטיקער טיטוסן) איז פאָרגעקומען. אין די לעגענדעס פון תלמוד, פון „אבות דרבי נתן" א׳, ב׳, פון מדרש — סימבאָליזירן די צוויי מענטשן צוויי פאַרשידענע וועלטן און צוויי פאַרשידענע כוחות — דער כוח פון „כל דאלים גבר" און דער כוח פון גייסט. וועספּאַסיאַנוס — אַ וועלט־אימפּעראַטאָר, ר׳ יוחנן בן־זכאי — שוואַך און דערשלאָגן, דער נביאישער „תולעת יעקב". פון וועספּאַסיאַנוסן מיט זיינע געדאַנקען איז

קיין זכר נישט געבליבן און בן־זכאים גייסטיקער כוח לעבט נאָך אַלץ אין אונדז.

און וואָס „שטעכעלירט" איר מיך אַזוי, גרינבערג, מיט די „פּסוקים"? און וואָס וואַרפט איר מיר אַזוי פאַר דעם „מעדיצין־מאַן", דעם כּישוף־מאַכער, פון געשיכטע? און וואָס האָט איר אַזאַ יראת הכבוד פאַר דער ליגנערישער סטאַטיסטיק?

מיטן אויפשטייג פון גאַלילעאָן און ניוטאָנען האָט די וויסנשאַפטלעכע וועלט נישט געהאַט קיין אַנדער נאָמען פאַר פּיטאַגאָרעסן, ווי „מעדיצין־מאַן", כּישוף־מאַכער, מאַגיקער. געהערשט האָבן גאַלילעאָ און ניוטאָן. אַזוי זענען פאַרביי אַ דריי הונדערט יאָר. און מיטאַמאָל האָבן די עדינגטאָנס זיך אַרומגעזען, אַז דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער וועג פון גאַלילעאָן, פון ניוטאָנען — „די אייזערנע נאַטור געזעצן" — אַז דאָס איז גאָר „אַבער־גלויבן" און „מאַגיק". און פּיטאַגאָרעס, וואָס האָט טאַקע געגלייבט אין „גלגול", איז אויפגעשטאַנען תחית המתים און זיין „מיסטעריעזע מאַטע־מאַטיק", ריכטיקער, זיין „מיסטישע ציפער", איז קריק געוואָרן דער רוקנ־ביין פון דער היינטיקער וויסנשאַפט.

ווי איר זעט, ליבער גרינבערג, איז זיך נישטאָ, וואָס צו וואַרפן מיט „פּסוקים". איר ווייסט דאָך אַזוי גוט ווי איך, אַז מיר לעבן מיט פּסוקים און פון פּסוקים. מען דאַרף זיי נאָר נישט פאַרבייטן. יעדער דור האָט זיינע פּסוקים. שמשונס לאָקן האָבן אין צייט פון די „שופטים" פונקט אַזוי גע־ווירקט, ווי דער פּסוק: „מי לה' אלי" — אין דעם דור פון די חשמונאים, ווי דער פאַרקערטער פּסוק באַלד נאָכן צווייטן חורבן, אַז נישט די „מעשה איז דער עיקר, נאָר דער מדרש" (ס'בית המדרש), מולכום גיין צו קאַרל דעם פינפטן, שבתי־צבים — צום סולטאַן, דאָס זענען אַלץ פּסוקים. און שבתי־צבי האָט געהאַט מער אָנהענגער ווי דר. הערצל. און אַז מנשה בן־ישראל האָט זיך געשתדלט ביי קראָמוועלן מען זאָל ייִדן אַריינלאָזן קיין ענגלאַנד, האָט ער געהאַט זיין פּסוק — „משיח קען פריער נישט קומען, ביז ייִדן וועלן זיין צעשפּרייט איבער אַלע לענדער". און דער פּסוק האָט געהאָלפן. און אַז איר, קאָלעגע גרינבערג, פאַרט מיט דר. כּהן היינט, מיט ראַביי סילווער קיין וואַשינגטאָן צום פּרעזידענט, איז עס אַלץ דער זעלבער פּסוק, נאָר אַנדערש געשלייערט.

איר פרעגט מיך, גרינבערג:

„...צי זענען מיר מסוגל צו נעמען אויף זיך אויפסניי דעם **עול** פון **גלות**"?

איך גלויב, אז מיר וועלן קריגן ארץ־ישראל. און אז מיר וועלן אין צען יאָר צוים באַזעצן דאָרט נאָך אַ מיליאָן יידן, וועלן אין גלות נאָך אַלץ בלייבן אַ צען, עלף מיליאָן, מער יידן ווי ס'זענען דאָ מענטשן אין צוויי מלוכות, אין בעלגיע און אין נאָרוועגיע.

איז וואָס טוט מען, גרינבערג, מיט די עלף מיליאָן יידן?

איר שטעלט אוועק אַ הנחה און איר בויט זיך אַ טעאָריע, אַז „נאָר מענטשן, וואָס הינטער זיי שטייט אַקטיווע **אמונה** קענען מאַכן אָפּטימיס־טישע פּראָגנאָזן (וועגן גלות) אויפן גרונט פון דער פאַרגאַנגענהייט... אָבער נישט איינער פון אנשי שלומנו, וואָס וויל האָבן אמונה אין יענעמס אמונה".

כ'וויים נישט ווי איר, גרינבערג, נאָר איך וויל נישט קיין אמונה אין יענעמס אמונה.

איך האַלט, אַז יעדער דור שאַפט זיך זיין יידישקייט, אַנדערש וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין **היסטאָריש יידישקייט**. און דאָס יידישקייט פון איין דור אונטערשיידט זיך פון יעדן אַנדערן דור. דורך די אַלע דורות גייען דורך בשותפותדיקע פעדים, ס'פלייצן בשותפותדיקע זאַפטן. וועגן אַזאַ היסטאָ־רישן „פאַדעם" רעדט „אחד הרבנים המרגישים" אין זיין „לשאלות היהדות":

„...ההנחה של נצחיות היהדות לא מפי חקירה זו או אחרת היא חיה, אלא היא דבר המסור ללב. מי שנפשו ממושקה בעסים היהדות הוא מאמין, ולא רק מאמין אלא חש ומרגיש שהיהדות תחיה".

דאָס ליבער גרינבערג, האָט שוין גאָרנישט צו טאָן מיט אייער „**אַק־טיווער אמונה**", מיטן שולחן־ערוך־יידישקייט. דאָס איז אַ ווידערהילך פון דעם מאמר חז"ל: „כל הכופר בעבודה זרה נקרא **יהודי**" (מגילה י"ג).

און גלייבט מיר, גרינבערג, אַז אָן די „באַזינגערס", אָן די פּרצעס, אָן די ביאַליקס וואָלטן קיין „פּיאָנערן" נישט געווען. באַזינגט מען נישט דעם פּיאָנער, איז ער נישטאָ. נעמט אוועק „ס'באַזינגעכץ" פון אַ בן־זכאין, וועט אונדז בלייבן אַ טרויעריק בילד, ענלעך אויף אַ קרבן פון אַ היינטיקן קאָנ־

צענטראַציע־לאַגער. אָן די ירמיהוס, אָן די יחזקאלס, וועך זוייסט צי מיר וואָלטן אין גאַנצן היינט געווען. און אויב יאָ — וואָלטן מיר געווען גייכ־טיקע ציגיינער.

וויסן זאָלט איר, אַז אויף יעדן פון די „רבנים המרגישים" זאָבן מיר צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס אינמיטן דאַווענען, ווען זיי שטייען אין טלית און תפילין, שמירן זיי די רעדער, כאַפּן אַ הון, וואָס לייגט זיך, טאַפּן צי די הון האָט אַן איי. זיי זענען דאָס די „אַקטיווע מאַמינים". אָבער די פּרצעס, די ביאַליקס זענען בלויז „סימפּאַטישע באַאָבאַכטערס"?

פאַרוואָס זאָגט איר דאָס נישט וועגן יהודה הלוין? ער האָט געטראָגן סאַמעטענע קני־הויזן, שיך מיט שנאַלן, געטראָגן אַ פּעלערינע, ווי פּרץ, איז געזעסן אין אַ שפּאַנישער טרונקשטוב און זיך געזונגען:

„שללה לבי בדדים עלי לב מונחים,
לב כמו אבן ורך יגמול שני תפחים
וצבו ויהיו לשמאל וימין כרמחים".

און אַז הלוי איז דערנאָך אַוועק אין בית־המדרש, איז ער נישט געווען קיין „סימפּאַטישער באַאָבאַכטער"? און הלוי, ווי דער רמב"ם, האָבן אויך „נישט געגלייבט אין אַ גאָט, וואָס שלאָפט נישט ביינאַכט, אַז ספּעציעל מיט ישראל זאָל, חלילה, עפּעס נישט פּאַסירן". און הלוי איז געווען זייער היימיש אין דער אַראַבישער פּאָעזיע, איז דאָרט געווען אַ בן־בית און משה אבן עזרא דערמאָנט קיין איין מאָל נישט הלוי זאָל זאָגן ביים אַריינגאַנג פונעם אַראַבישן פּאָעזיע־טעמפּל: „שקץ תשקצנו".

און וואָס הייסט **אמונה?**

לאָמיר רעדן אָפן. איר ווילט דאָך וויסן צי דער גלות קען נאָך היינט אַרויסברענגען גאַנצע יידן, פאַרפּאַנצערטע פון אונטערגאַנג, זיי זאָלן נישט שטאַרבן קיין „מיתת נשיקה".

יאָ, ליבער גרינבערג.

דער איינציקער „קדוש", וואָס איז פרייוויליק געגאַנגען צו דער עקדה, איז אומגעקומען פאַרן כלל ישראל (נישט אין געטאָ, נישט אין אַ קאָנצענ־

טראַציע-לאַגער, נאָר אין לאָנדאָן), דער איינציקער קדוש, איז געווען אַ וועלטלעכער גלות-ייִד. ער איז געווען ווייט פון אייער „אַקטיווער אמונה". אין דעם וועלטלעכן ייִד האָט אָבער געברויזט דאָס „היסטאָרישע ייִדישקייט", דאָס ייִדישקייט פון אַ פּרץ, פון **דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור**, וואָס איז אַ המשך פון די נביאים, פון די תנאים, פון יהודה הלוין און אויך פון „שולחן ערוך". דער וועלטלעכער ייִד איז דער קדוש — **אַרטור זיגלבוים.**

און דער גלות, ביים איצטיקן גאַנצן בראָך, האָט נאָך באַדייטנדיקע רעזערוואָרן, וואו ס'איז דאָ גלויבן, פאַראַן בטחון, פאַראַן התלהבות אין דער ייִדישער נשמה, וואָס קען אויפהאַלטן דורות און וואָס קען און וועט אויפבויען ארץ-ישראל.

1946

משיחים:

שלמה מולכו
און שבתי צבי

ביז היינט זענען נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן די צוויי משיח-באַוועגונגען — די שלמה מולכו באַוועגונג און די שבתי-צבי באַוועגונג.

פון די עטלעכע צענדליק משיחים, וואָס יידן האָבן געהאַט, איז מולכו דער טיפסטער און שבתי-צבי — דער טראַגישסטער.

אויב היסטאָריקער, ווי גרעץ און אַנדערע, האָבן אין שבתי-צבין געזען אַ שווינדלער, האָבן זיי בשעת-מעשה פאַרגעסן, אַז אויבן-אויף איז יעדער משיח, וואָס זיגט נישט — אַ פאַלשער משיח. יעדער בר-כוכבא וואָס פאַלט דורך ווערט אַ בר-כוזיבא.

קיין איינער פון אונדזערע משיחים, אַריינגערעכנט הערצלען, האָט אַזוי נישט אויפגעטרייסלט ס'גאַנצע יידישע פאָלק, ווי מולכו האָט עס געטאָן אין זעכצנטן יאָרהונדערט און שבתי-צבי — אין זיבעצנטן. און נישט בלויז אויפגעטרייסלט. זיי האָבן דאָס איינגעשלאָפענע, פאַרקאַלטנטע יידישע לעבן אויפגעריסן, טיף אויף אויפגעריסן, ווי מען רייסט אויף ברייטע און ווייטע שטיקער לאַנד, וואָס זענען טרוקן און פאַרוואָרלאָזט.

אי שלומה מולכו, אי שבתי-צבי האָבן אויך איבערגעלאָזט פלאַנצן און קערנער, וואָס לעבן ביז דעם היינטיקן טאָג אין אונדזערע דריי ליטעראַטורן — אין דער רבנישער, אין דער העברעאישער און אין דער יידישער.

גירוש שפּאַניע, גירוש פּאָרטוגאַל, די אַנטדעקונג פון אַמעריקע, אברבנאלס אָנזאָג, אַז רוים וועט אונטערגיין, מוז אונטערגיין, אַז די גאולה איז נאָענט, אַז דער „קץ" וועט זיין אין 1532, די קאַבאַליסטישע צפת, לוטער, דער פויערים-אויפשטאַנד — אינעם קעסלגרוב פון די אַלע געשעענישן איז אין זעכצנטן יאָרהונדערט געבוירן געוואָרן די מולכו-באַוועגונג און נאָך גזירת ת"ח — די שבתי-צבי-באַוועגונג.

נאָך גירוש-שפּאַניע איז אין דער קבלה באַשאַפן געוואָרן אַ נייער קוק, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צום חורבן און צום גירוש, געגעבן אויף אים אַן ענטפער.

פון אַ מיסטישער באַוועגונג, וואָס איז געלעגן אין די הענט פון אַריסטאָקראַטישע יחידי-סגולה, איז די קבלה נאָך גירוש-שפּאַניע געוואָרן אַ פאָלקס-באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע יידישע ישובים. ס'איז

געוואָרן דער טרייב-כוח פון יידישער געשיכטע אין משך פון איבער צוויי הונדערט יאָר.

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?

יידן האָבן דערזען אין גירוש-שפּאַניע די „אתחלתא דגאולה". דער „קץ" איז נאָענט. דער גאַנצער דור נאָך גירוש-שפּאַניע איז געווען איין לאַנגער משיחישער אויפברויז ביי יידן, און אז דער דור איז פאַרביי און משיח איז נישט געקומען, האָט ס'פאַרביטערטע יידנטום אַרויסגעלאָזט אַ מדבר-געשריי:

— פאַרוואָס?

— פאַרוואָס קומט עס אונדז, גאָט? פאַרוואָס איז דער גרעסטער יידישער ישוב, דער שפּאַנישער ישוב, דער חוט-השדרה פון יידנטום, פאַרוואָס איז דער ישוב אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל?

אויף דעם ביטערן פאָלקס-געשריי האָט זיך אָפּגערופן צפת. ס'קלייזע, הייליקע שטעטל צפת האָט אונדז געלערנט, אז דער גלות איז נישט קיין פינצטערער צופאַל. ניין, דער גלות איז דער גאַנג פון דעם ייד אין דער וועלט אריין — „לתקן עולם במלכות שדי". דאָס איז קיין קאָנקורענץ מיט ארץ-ישראל. ארץ-ישראל דאַרף זיך בויען און וועט זיך בויען מיט דער הילף פון גלות.

די קבלה, וואָס האָט אריינגעדרונגען און דורכגעדרונגען ס'גאַנצע יידישע פאָלק, די קבלה האָט אין יענע דורות פאַרטונקלט די יידישע פילאָזאָפיע, ווייל די פילאָזאָפיע האָט נישט געהאַט קיין ענטפער אויף די אַלע ברענענדיקע פראַגן. די קבלה האָט אַרויסגערופן די שלמה-מולכו-באַוועגונג.

די מולכו-באַוועגונג האָט פונקט אזוי ברייט און טיף נעגראָבן אינעם יידישן לעבן, ווי די שבתי-צבי-באַוועגונג. איבער די שטענדיקע הריגות און גירושים איז נישט אַלץ פאַרצייכנט געוואָרן. און אין די מהומות זענען כמעט אַלע פאַרצייטיקע כראָניקעס צעשטערט געוואָרן. זען די געציילטע „עמק-הבכא"-מאַנוסקריפּטן וואָלטן אויך פאַרלוירן געגאַנגען (און ס'האָט קיין ספק נישט געפעלט ס'זאָל פון זיי קיין זכר נישט בלייבן), וואָלט נישט איין היסטאָריקער געפסקנט — „מולכו לא היה ולא נברא".

דער כראָניקער פון „עמק-הבכא", ר' יוסף הכהן, האָט אליין איבערגעלעבט דריי גירושים. און די מולכו-עפּאָכע איז נישט די איינציקע, וואָס מיר ווייסן וועגן איר אזוי ווייניק. וואָס ווייסן מיר וועגן דער גאונים-עפּאָ-

כע? פון טייל גאונים זענען בלויז געבליבן נעמען. און וואָס ווייסן מיר וועגן די פייטנים — יוסי־בן־יוסי, ינאי, קאַליר?

פון ר׳ אליעזר טריוווישעס אַ באַמערקונג, אָפּגעדרוקט אין זיין פּאָטערס ספר: „דקדוק תפלה״, דערוויסן מיר זיך, אַז אין 1531 האָט די מולכו־באַוועגונג שוין געהאַט אַרומגעכאַפּט די קהילות פון אייראָפּע, פון ארץ־ישראל:

„— — — שנת רצ״א... הגאולה התחילה וכבר החלו בני ברית עם קדש ירושלים ושלוניקי עד קראָקוב (קראָקע) — — — תקנו תעניות ותשובה בה״ב בכל שבוע — — — גם הנשים שפכו לבם בצע״י.

שלמה מולכו, ווי שפּעטער שבתי־צבי, איז ביים לעבן געוואָרן דער יידישער קיניג, דער משיח בן־דוד. יידן האָבן אויפגעהערט ציילן לויט „בריאת העולם״. מען האָט גענומען ציילן לויט די יאָרן פון מולכוס התגלות, פון מולכוס הערשאַפט. מען געפינט פאַרצייכנט אין ספרים, צווישן די יאָרן 1532 — 1528 לויט דעם נוסח: „ספר זה היה בבית נחמן בשנת שלש למולכו״.

טאָ ווי קען מען דאָ רעדן, אַז מולכו האָט נישט געהאַט קיין אנהענגער?

ווען נישט מולכו, וואָלט קיין שבתי־צבי נישט געווען. די שבתי־צבי באַוועגונג איז בלויז אַ געכפּלטע מולכו־באַוועגונג. נישט בלויז יחידים — שטעט, גאַנצע שטעט האָבן זיך געקליבן באַגעגענען משיחן. יידן האָבן מיט שמחה אַוועקגעוואָרפן מסחר, אַוועקגעגעבן בחצי־חנם הייזער, גיטער, געצייגן, ווי מען גייט און שטייט, אין די האַפן־שטעט, מען זאָל גיכער קענען כאַפּן אַ שיף קיין ארץ־ישראל. דאָס איז שוין מער נישט קיין באַוועגונג. דאָס איז שוין אַ רעליגיעזער הונגער, וואָס איז בכוח אויפצוטאָן וואונדער.

דער רעליגיעזער הונגער, וואָס האָט שטענדיק געדרעמלט צווישן יידן, האָט זיך אַ וועק געטאָן, סוף פופצטן יאָרהונדערט, האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער רשעותדיקער וועלט, מיט אדומען אין 1532, האָט זיך פאַרמאָסטן מיט ישמעאלן אין 1666 און דרעמלט אין אונדז ביז דעם היינטיקן טאָג.

דער ט״ז, איינער פון די גרעסטע פוילישע גאונים, האָט געשיקט קיין טערקיי דעם אייגענעם זון זיינעם, אָנצוקוקן דעם „האר משיח״.

ס׳איז דאָך געווען נאָך כמעלניצקים שחיטות. ס׳פאַרגאָסענע יידישע בלוט האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעטריקנט, ס׳האָט זיך נאָך גע־

בלעזלט. הרוגים האָבן זיך נאָך געוואַלגערט פון די קאָזאַצקע סטעפּעס ביז טיף אין קליין־פּוילן אריין.

ווי קומט עס אָבער, וואָס די יידן פון מערב־איראָפּע, פון אַזיע, פון אַפריקע, וואו נאָר אַ יידישער ישוב — וואָס האָט זיי אַזוי אויפגעטרייסלט? און נישט בלויז ס׳פאָלק, נישט בלויז די מאַסן. גאונים, רבנים, כלל־טוער — אַלע זענען, ווי איבער נאַכט, געוואָרן פאַרברענטע שבתי־צבי־חסידים. דעם חכם־צבים פאָטער, דער אובענער רב ר׳ יעקב, האָט געפּסקנט, אַז איינער, וואָס גלייבט נישט אין שבתי־צבי, מעג מען אים הרגענען אַפילו אום שבת. פון דער העלער הויט האָבן קינד און קייט גענומען רעדן וועגן דער גאולה, גענומען רעדן, אַז די גאולה האָט ערגעץ אָנגעהויבן טאָגן. משיח, דער אמתער משיח, איז אויפגעשטאַנען אין דער שטאָט סמירנע. זיין נאָמען — שבתי־צבי — האָט זיך געטראָגן, צווישן יידן, ווי אַ מלחמה־רוף, זיך גע־ריסן, ווי דבורהס געזאַנג מיט פּויק און צימבל, מיט ערד־געציטער, זיך געהערט ווי דער אַנזאָג אויף תחית־המתים. אוים קנאה, אוים שנאה. דער פּאָרטוגעזישער ייד, דער יחסן, האָט זיך גענומען חברן מיטן דייטשישן ייד, מיטן פּוילישן. אוים רייך, אוים אָרעם. ס׳קומט אָן אַ נייע וועלט. וואָס וועט נישט וויסן פון קיין גלות, פון קיין קנעכטשאַפט. ס׳טאָג־טעגלעכע לעבן איז געוואָרן אַ תפילה, נישט אַזוי צו גאָט, ווי צום מענטש, צו שבתי־צבי. וואָס האָט זיך געבאָדן זומער און ווינטער אין ים.

שבתי־צבי האָט זיך געפּייניקט און ס׳לייב זיינס, וואָס האָט געאָטעמט מיט כוואַליעס, האָט נישט אויפגעהערט צו לייכטן. די אויגן אַזוי בלוי, אַזש שוואַרץ פון בלויקייט, ווי דער ים ביים שפּראָץ אויף טאָג. און ס׳קול — אַ פלייט ביים זון־אונטערגאַנג. האָט שבתי־צבי פאַרוואָרפן די ווייסע, נאַקע־טע הענט צום הימל און גענומען זינגען שטיקער „זוהר”, גענומען זינגען לידער, אייגענע לידער צו דער בת־מלכה מעליזועלדע. נישט בלויז יידן, נישט בלויז קריסטן און מאַכמעדאַנער, נאָר אויך שטערן און דורות האָבן מיטגעזונגען. פון שבתי־צבין האָט שלמה מולכו אַרויסגעזונגען.

און דווקא אַמסטערדאַם, וואו נייע ווינטן האָבן שוין געבלאָזן, אוריאל אַקאָסטאַ און ברוך שפּינאָזאַ האָבן געהאַמערט די טויערן פון דער געטאָ, דווקא די פרייע אַמסטערדאַם איז געוואָרן די הויפּט־אָנפירערין.

אין די סידורים האָט מען גענומען דרוקן אַ „נותן תשועה” פאַרן „מלך משיח”, פאַר שבתי־צבי. און אַז מען האָט געמאַכט דעם „נותן תשועה”.

האָט מען געטאַנצט אַרום און אַרום בעלעמער מיט ספרי-תורות, מיט פויקן, טאַצן און גלעקלעך. יונג און אַלט האָבן געטראָגן ברייטע בענדער פון גרי-נעם זייד — אַ סימן, אַז מען דינט משיחן, אַז ס'קען נישט זיין קיין גרעסערע פרייד ווי ווערן שבתי-צבים אַ לייב-קנעכט.

רבנים האָבן בטל געמאַכט דעם תענית תשעה-באָב. אויס פאַסטן, אויס פייניקן זיך. תשעה-באָב — משיחס געבוירן-טאָג — דאַרף גאָר ווערן אַ יום-טוב. און ס'איז געוואָרן. און אַז די שטאָט אַמסטערדאַם האָט געשיקט שבתי-צבין אַ בריוו, האָבן זיך אַלע — רבנים, ראשי-ישיבות, די אָנגע-זעענסטע באַלעבאַטים — אַלע האָבן זיך געחתמעט און געשוואוירן איבער-געבנקייט. און אַז צווישן די אונטערשריפטן איז די התימה פון ר' בנימין מוסאַפיע נישט געווען, האָט ער, מוסאַפיע (דער לייב-מעדיקער פונעם קיניג פון דענעמאַרק, אַ דענקער און אין רעליגיעזע זאַכן אַזוי פריי ווי שפּינאָזע), אַליין צונויפגענומען חתימות און זיי אַוועקגעשיקט צום

„משיח פון גאָט פון יעקב, אונדזער קיניג און אונדזער אויסלייזער — — — האַר, קיניג, הייסט אונדז וואַרטן, ווען מיר איילן זיך, ווען מיר ווילן וואָס שנעלער זיין לעבן דיר, מיט דיר? ווען מיר שרעקן, אַז די הייליקע מחשבה דיין מחשבה, זאָל זיך אין ווערטער נישט צעברעכן? — — — פאַרשטאַרק אין אונדז דאָס פייער, האַר אונדזערער — — — — "

דער „האַר משיח" האָט זיך צוגעהערט. די פייערלעך, וואָס האָבן אויפ-געפלאַמט דאָ און דאָרטן זענען זיך צעוואַקסן אין אַ שרפה, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַזיע קיין אַפריקע און אַרומגעכאַפּט גאַנץ אייראָפּע.

נאָך אַמסטערדאַם האָבן זיך אָפּגערופן ווין, פּראָג, לאָנדאָן, פראַנק-פורט, האַמבורג, ווילנע, לובלין. אַלע האָבן דערזען גאָטס צייכן, אַלע האָבן געשיקט שלוחים צו שבתי-צבין, וואָס מיט זיין קומען האָבן אויפגעהערט טרויער און וואַכעדיקייט. וואו אַ קער — פרייד און געזאַנג צו משיחן, צו דער בת-מלכה זיינער, צו מעליזעלדען.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דער מולכו-קידוש-השם האָט זיך אָפּ-געשפּילט איבער פיר הונדערט יאָר קריק. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די שבתי-צבי-טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט קנאַפּע דריי הונדערט יאָר קריק. ס'מעג היינט אויסזען נאַאיוו און קינדעריש. יאָר וואָס ס'איז פאַר הערצלען געווען „דיפּלאָמאַטיע", פאַר משה העסן „קלאַסנקאַמף און

פעלקער דערוואַכונג", איז פאַר מולכון און שבתי־צבין געווען — **שטיקער זוהר, נעמען פון מלאכים און הייליקע שמות.** אַן אַנדער צייט געווען, און יעדע צייט האָט איר לשון. נישט בלויז יידן האָבן געגלייבט אין „שמות". די גאַנצע וועלט, די קריסטלעכע אַזוי גוט ווי די מאַכמעדאַנישע, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קבלה. און אַזוי ווי די געלערנטע זענען געווען זיכער, אַז אין גן־עדן האָט מען גערעדט העברעאיש, איז דערפון געדרונגען, אַז אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן שטאַמען פון העברעאיש. אַזאַ אויספיר האָט דע־מאָלט ביי קיינעם נישט אויסגעזען קרום. כמעט אַזוינע טענות האָט אין יענער צייט אָוועקגעלייגט ר' משה בן־ישראל. און אָליווער קראָמוועל האָט זיך צוגעהערט צו זיי.

דאָס איז געווען די שפּראַך — פּסוקים, שמות — און אויף דעם לשון האָט מען זיך צוזאַמענגערעדט.

זענען געזעסן קריסטלעכע געלערנטע און האָבן געהאַלטן אין איין איבערשטעלן, אין איין איבערקאָמבינירן נישט בלויז די העברעאישע ווערטער, וואָס שרייבן זיך פון רעכטס צו לינקס, נאָר אויך טאַשן און אי־בערטאַשן די אותיות, וואו ס'ליגט דער כוח פונם גאַנצן וועלט־באַשאַף — **„אין אָנהייב איז געווען ס'וואָרט און ס'וואָרט איז געווען גאָט".**

און שלמה מולכו האָט געגלייבט.

ער האָט געוויקלט פייערדיקע אלף־ביתן, געפלאַכטן און געשמידט די געהיימע כוחות, געשטראַלט מיט גאָטס גייסט, גערעדט מיט גאָטס וואָרט און אַלץ — וואו זיין הויך איז נאָר געפאַלן — האָט באַקומען לעבן.

מולכו דאַרף זיך בלויז באַגעגענען מיט קאַרל דעם פינפטן — אַזוי און אַזוי, קיניג — און קאַרל וועט אים קריגעבן ארץ־ישראל.

און אַז קאַרל האָט געהייסן מולכון פאַרברענען?

אין קייטן, מיט אַ שלאָס אויפן מויל, ער זאָל נישט קענען רעדן צום המון, איז מולכו געגאַנגען צום פייער, געגאַנגען מיט אַ שטום געזאַנג אין אַלע גלידער:

— נישטאָ קיין גרעסערע פרייד ווי אומצוקומען פאַר גאָט.

די פרייד האָט אים געמאַכט שמעלער, דינער, אַראָפּגעוואָרפן אין גיין איין לבוש נאָכן אַנדערן. און דער גוף — אַ בלויז פלעמל אַרום דער נשמה — האָט מער נישט געפילט דעם קלימפּער פון די קייטן אַרום די אייגענע פיס. די הענט — ווייסע, איידעלע הענט — האָבן זיך געצויגן צו דער

עקדה, וואָס האָט זיך געוויגט פאַר די אויגן, געטריבן דאָס ישועות פון דער וועלט, איז געוואָרן איינס מיט די פלאַמען, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט, האָט האָבן געוואַרט אויף אים, אויף מולכון.

און שבתי־צבי האָט אויך געגלייבט.

ער האָט געגלייבט מיט יעדן ציטער פון דער נשמה, אַז מיט שמות, גמטריאות און צרופים וועט ער ברענגען די גאולה.

ער דאַרף בלויז אריינגיין צום סולטאַן — אַזוי און אַזוי — און דער סולטאַן וועט אים קריקגעבן ארץ־ישראל.

און אַז גאָט האָט זיך נישט צוגעהערט צו אים, און אַז גאָט איז נישט געווען מיט אים, און ער, שבתי־צבי, האָט דעם הימל אויף דער ערד נישט אַראָפּגעבראַכט?

אַלע האָפענונגען זענען זיך צעפאַלן, אַלץ — צעשטויבט אויף פּיק־פּיצלעך. אַ וועלט יידן האָט ער אָפּגענאַרט. און דאָ סטראַשעט מען אים מיט טויט, אויב ער, שבתי־צבי, וועט נישט ווערן קיין מאַכמעדאַנער.

די הייליקע שמות פלאַטערן נישט מער פאַר די אויגן. זיי האָלגערן זיך אַרום די פיס, ווי געשאָכטענע פייגל, מאַכן שווערער דעם גוף. און דער גוף, וואָס ווערט בלויז חומר, לאָזט זיך פאַמעלעך אַראָפּ, פאַלט דעם סולטאַן צו די פיס, בעט רחמים.

נישט פאַר זיך האָט שבתי־צבי געבעטן, — ער נעמט אויף זיך די גאַנ־צע שולד — נאָר פאַר זיינע נאָענטסטע תלמידים, וואָס דער סולטאַן האָט זיי אויך געוואָלט אומברענגען. און ווי ער ליגט אַזוי, ווערט אים ביים אַמאָל ליכטיק אין מוח. שבתי־צבי דערמאָנט זיך אַ „זוהר״:

> „— — — — איידער די גאולה וועט קומען, וועט משיח פריער זיי־דיקן. משיח וועט האַלטן אין איין פאַלן, ער זאָל קענען מתקן זיין און דערהייבן יעדן „ניצוץ״, וואָס געפינט זיך אַ געפאַנגענער אין דער טומאה״.

שבתי־צבי האָט געוואָלט זיין זיכער. דער מוח האָט געפלאַמט, אַרויס־געשלעפּט דורות פון די קברים, געזוכט נאָך אַ היתר. און ער האָט געפונען.

ווען אַ ייד האַלט ביים פאַרלירן ס'לעבן אויב ער ווערט נישט קיין מאַכמעדאַנער — דאָס האָט דאָך דער רמב״ם שוין לאַנג מתיר געווען אין זיין „אגרת תימן״.

און שבתי־צבי האָט אָנגעטאָן דאָס „מאַכמעדאַנישע מיצל״. ער האָט געגליבט, אַז „ישמעאל״ דאַרף פריער משיחן איינשלינגען, ווי דער וואַל־פיש האָט איינגעשלונגען יונהן.

און מערקווירדיק — די אַלע, וואָס האָבן געשריבן וועגן שבתי־צבין באַלד נאָך זיין שמד, האָבן אים כמעט ווי נישט באַשולדיקט. כמעט אַלע האָבן געוואָרפן די שולד אויפן דור, וואָס איז נישט ראוי געווען אויפצו־נעמען משיחן.

גליקל פון האמיל, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, האָט פאַר־צייכנט אין איר טאָג־בוך:

„ — — — — אין דער זעלביקער צייט (1665) האָט מען אָנגעפאַנגען צו רעדן וועגן שבתי־צבי. מיין שווער האָט איבערגעלאָזט סיהויז מיטן ווירטשאַפט. ער האָט מיר געשיקט קיין האַמבורג צוויי גרויסע פעסער — — — מיט אַלערהאַנט עסנוואַרג. ער האָט גערעכנט פון האַמבורג גלייך קיין ארץ־ישראל צו פאָרן. די פעסער זענען געשטאַ־נען דריי יאָר. אָבער ווי צו אונדז, ס׳איז פונעם אויבערשטן נישט באַשערט געווען — — — ״

קיין איין בייז וואָרט נישט וועגן שבתי־צבי.

און נאָך שבתי־צבים טויט האָט די אמונה אין אים זיך מער פאַר־שטאַרקט. רבנים און מקובלים האָבן זיך געלאָזט איבער דער וועלט און גענומען פאַרשפּרייטן שבתי־צבים תורה. ערשט דעמאָלט האָבן גאַנצע קהילות זיך אַ נעם געטאָן צו די שבתי־צביניקעס. מען האָט זיי גערודפט מיט הונגער, מיט מלקות, מיט חרם. מען האָט געברענט וואו אַ ספר, וואו אַ דרוש, וואו אַ בריוו — ס׳זאָל קיין אות, קיין סימן און קיין זכר נישט בלייבן נאָכן ימח־שמוניק, נאָך שבתי־צבין. שוין דעמאָלט, ווען מען האָט קיינעם נישט געשוינט, אַפילו דעמאָלט האָבן רבנים און מקובלים, באַ־האַלטענערהייט, ווייטער געגליבט אין אים. ס׳איז געוואָרן אַ געהיימע סעקטע, וואו די מיטגלידער פון דער נייער „אמונה״ זענען פאַרבליבן פרו־מע, אָפּגעהיטע יידן.

געגנוג צו דערמאָנען דעם באַהאַלטענעם שבתי־צביניק, דעם מקובל ר׳ אברהם רוויגו. ר׳ משה חאגיז, וואָס האָט אַזוי גערודפט ר׳ משה חיים לו־צאַטון, דער זעלבער האָגיז רעדט וועגן רוויגון מיט גרויס דרך־ארץ און

באוואונדערונג, בלויז דערפאַר, וואָס רוויגו איז געווען אַ שבתי־צביניק באהאַלטענערהייט.

אַזאַ מקובל און טיפן דיכטער, ווי משה חיים לוצאַטו, האָט מען גענייט „בפני כל עם ועדה", ער זאָל זיך נישט בלויז אָפּזאָגן פון שבתי־צבין, נאָר אויך פון קבלה. און לוצאַטו, וואָס איז ווייט געווען פון שבתי־צבין, דווקא ער האָט אונטער אַ שבועה צוגעזאָגט נישט צו שרייבן קיין וואָרט איבער קבלה.

און אַז מען האָט זיך אַזוי „געספּראַוועט" מיט לוצאַטון, וואָס איז געווען איינגעטונקט אין יחוס, אין עשירות, קען מען זיך פאָרשטעלן, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן מיט די אָרעמע מקובלים, שבתי־צבים תלמידים, וואָס האָבן זיך געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט, געדאַרפט אָנקומען צו קהל נאָך אַ ביסן ברויט.

און נאָך דער גאַנצער אויסראָטונג איז שבתי־צבים תורה געבליבן צווישן יידן.

געווען משיח־באַוועגונגען, ווי ס׳קריסטנטום, געווען טיפע רעליגיעזע שפּאַלטונגען, ווי די קאַראַימען, וואָס זענען צווישן יידן געבוירן געוואָרן און ס׳יידישע פאָלק האָט מיט זיי נישט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא. יידן האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון זיי. און דערפאַר אַזאַ שנאה, ביז דעם היינטיקן טאָג.

די שבתי־צבי־באַוועגונג ביי אַלע רדיפות איז געבליבן צווישן יידן. און שפּעטער, ווען ס׳אמתע פייער האָט זיך געהאַלטן אין לעשן, די משיח־אידייע האָט זיך געהאַלטן אין אויסוועפּן, ס׳בלוט־אָרעמע יידישע לעבן האָט געקראָגן אַ געשוויר — די פראַנקיסטן — האָט פריש בלוט אַ שלאָג געטאָן. ס׳חסידות — שבתי־צבים אייניקל — איז געבוירן געוואָרן, האָט געבראַכט מיט זיך פריש און ניי לעבן.

שלמה מולכום געזאַנג צו דער גאולה פונעם פאָלק ישראל, שבתי־צבים געזאַנג צום מענטש — זייער וועקן אינעם מענטש דעם „ניצוץ קדוש", דעם הייליקן פונק, וואָס האָט געגעבן דעם שטוים צו חסידות און האָט געשאַפן די יידישע ביאָגראַפיע, דאָס אַלץ איז געבליבן ווי אין דער יידישער אַזוי אין דער העברעאישער ליטעראַטור. געביטן האָט זיך בלויז די פאָרם, דאָס לבוש.

דער יונגער משיח־דיכטער, משה חיים לוצאַטו, האָט געשאַפֿן די נייע העברעאישע ליטעראַטור.

מולכום גאולה־געזאַנג, די בת־מלכה מעליזעלדע, וואָס שבתי־צבי האָט צו איר געזונגען שירים — קיין זאַך איז נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען. ר׳ נחמן בראַצלאַווער האָט אונדז אָפּגעראַטעוועט ס׳געזאַנג, עם אונדז קריקגע־בראַכט. ער האָט בלויז געביטן דעם נאָמען. און די שיינע מעליזעלדע, די בת־מלכה — די יידישע טאָכטער — איז געבליבן און לעבט אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן, אין דער העברעאישער, אין דער יידישער.

1922

סיכום
דורך דורות

דאָס וואָס דער מענטש איז זיך מיט אַ לייכט געמיט מתוודה פאַרן בוך, פאַרטרויט דעם בוך ס'אייגענע נישט-ווּיסן, ס'אייגענע עם-הארצות און שעמט זיך דערביי נישט — דאָס איז אפשר דאָס גרעסטע פאַרדינסט פונעם בוך.

אויב דער קריסט האָט אין מיטלאַלטער געפונען אינעם בוך אַ חבר פאַר וועמען זיך מתוודה צו זיין, געפונען אינעם בוך אַ שטילן לערער, וואָס שלאָפט קיינמאָל נישט — האָט דער ייד אינגאַנצן זיך אויסגעלעבט אינעם בוך. דער ייד, דער למדן, איז בטל געוואָרן אינעם ספר, ווי דער יחיד — אינעם קיבוץ.

ס'האָט זיך אָבער געהאַלטן אין קלייבן טריף-בלוט. און אַ שפּאָר ביסל. דער פאָלקס-מענטש, די יידישע פרוי — זיי האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט תורה און מעשים-טובים. זיי, אָט-די „עם-הארצים", וואָס האָבן מער נישט געוואָלט גיין אין שפּאַן ביי די רבנים — זיי האָבן נאָך אין פופצנטן יאָר-הונדערט אויפגעריסן דאָס פאַרשנורעוועטע יידישע לעבן, געשאַפן די יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט פאַרביטן עולם-הבא אויף עולם-הזה.

אַז מען רעדט וועגן קולטור, וועגן אַ קולטור-מענטש, קומען אויפן זינען פערזענלעכקייטן ווי פּרוסט, דזשאַיס. דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט אָנגעזאַמלטע היסטאָרישע עשירות צוליב אינדיווידועלע צוועקן, ווי דער ציל פון דער געשיכטע וואָלט געווען צו באַשאַפן אינעם יחיד אַ מאָדעל פון אַן אויסטערלישער, ראַפינירטער וועלט. נישט מער. אויב דאָס וואָס פּירט אין ערגעץ נישט איז קולטור, האָט נישט געלוינט קיין מענטשלעכע מסירת-נפש צו קריגן אַזאַ קולטור.

נבואה, חסידיזם, סאָציאַליזם, יידישיזם, ציוניזם, קאָמוניזם — דאָס זענען פועל-יוצאס פון גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן. מיר אָטעמען די לופט, וואָס די היסטאָרישע אַרבעטן און איבערקערענישן האָבן איבערגע-לאָזט נאָך זיך. די היסטאָרישע לופט — איז די נשמה פון יעדער עפּאָכע, איר סטיל. דאָס דאַרף זיין דער צוגאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור צו די שכנישע קולטורן. דאָס האָט שוין אויך י. ל. פּרץ געזאָגט:

„...דאָס לייס, דער גראַניט, איז ביים יידישן זיכטער אין די הענט — דאָס פאָלק, די וועלט, דאָס לעבן. זיי ענדערט ער, זיי מאָ-דעלירט ער, זיי שאַפט ער איבער".

אז מען רעדט וועגן יידן, דערמאָנט מען גלייכצייטיק (פון גרעצן ביז סעסיל ראָטן), אז מיר זענען שוין צוויי טויזנט יאָר דאָס „עם־הספר".

ס'איז נישט ריכטיק.

די לכיש־בריוו, וואָס מען האָט אין 1945 אויסגעגראָבן אין ארץ־ישראל, די לכיש־בריוו האָבן אַ רוק געטאָן די דאַטע אויף מער ווי אויף אַ האַלב יאָרטויזנט.

די לכיש־בריוו זענען געשריבן געוואָרן אין די צייטן פון ירמיה הנביא, 590 יאָר פאַר קריסטוסן. און די בריוו פון דעם פּאַרוואָרפּענעם פּראָווינץ־שטעטל לכיש דערציילן וועגן אַן אַלטער יידישער קולטור, וועגן דעם אַלטן רעץ־כתב, וואָס איז שוין דעמאָלט, 590 יאָר פאַר קריסטוסן, אַלט געווען הונדערטער יאָרן. און די בריוו קומען נישט פון דער קרוין־שטאָט, פון ירושלים, וואו ס'זענען פאַראַן סופרים, וואָס קענען שרייבן, נאָר די בריוו קומען פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל. און די האַנטשריפט איז אַ גע־ניטע, אַ זיכערע. דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז שוין מיט 26 הונדערט יאָר צוריק זענען מיר, יידן, געווען דאָס עם־הספר.

ס'איז גענוג זיך צו פאַרטיפן אין דער געשיכטע פון תנ"ך און דערזען פאַר זיך די געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור.

די פרייד פון שאַפן, די מענלעכע פראָזע, די טיפע ליריק, נישט בלויז פון אַ ביימל, וואָס שאָקלט זיך אין פעלד, נישט בלויז פון אַ יחיד, נאָר אויך פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס ליידט און ווייטיקט. דער מענטשלעכער דראַנג און געראַנגל, דאָס וועלן דערגיין צו דער אייביקייט, דאָס וועלן פאַרבלייבן אויף דורות, דאָס וועלן אריינגענומען ווערן, אויב נישט אין „נביאים", איז כאָטש אין „כתובים", ווי „שיר־השירים", ווי „קהלת", ווי „אסתר". דער קאַמף מיט „בן־סיראָן", וואָס ווערט עטלעכע פערציק מאָל דערמאָנט אין תלמוד מיטן טראַדיציאָנעלן „ככתוב" און איז נישט אריינגענומען געוואָרן אין „כתובים". — דאָ האָט איר דעם גאַנצן געראַנגל פאַר אומשטערבלעכקייט.

די ערשטע איבערזעצונג אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור איז דער תנ"ך — די סעפּטואַגינטע.

די איבערזעצונג האָט געעפנט פאַרן גריכישן פאָלק נייע האָריזאָנטן, האָט אריבערגעפירט די גריכן אין אַ נייער וועלט, וואָס איז פאַר זיי געווען אינגאַנצן פרעמד. אַ דאַנק דער איבערזעצונג האָבן אויך יידן אריינגעפירט און אפשר אריינגעגנבעט, אין דעם יידישן לעבן־קוק, אין דעם יידישן

וועלט־קוק, גריכישע געדאַנקען און אידייען.

מיט דער תורה־איבערזעצונג אין גריכיש, איז אויך די גריכישע שפּראַך פאַרהייליקט געוואָרן ביי די אַלעקסאַנדריער יידן. עס איז געבוירן געוואָרן דער גלויבן, אַז די איבערזעצער האָבן ביי דער אַרבעט געהאַט „עלית־נשמה״.

די אַלעקסאַנדריער יידן האָבן געקוקט אויף די איבערזעצער, ווי אויף נביאים. און אַז ס׳גריכישע לשון איז פאַרהייליקט געוואָרן, זענען אויך פאַרהייליקט געוואָרן די פילאָזאָפיש־גריכישע ווערק, וואָס זענען געווען נאָענט צום יידישן גייסט, צום עטיש־מאָנאָטעאיסטישן. מיט וואָס פאַר אַ הייליקן ציטער דער ייד פילאָן רעדט וועגן פּלאַטאָנען.

און אויב די תורה־איבערזעצונג אין גריכיש איז פאַר די ארץ־ישראל יידן געווען אַ טרויער, אַ צווייטער „מעשה עגל״, איז עס פאַר די אַלעקסאַנדריער יידן געווען אַ יום־טוב, וואָס מען האָט געפייערט פון יאָר צו יאָר. דערמיט האָבן די גריכישע יידן אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן קולטורעלן ווערט פון דער איבערזעצונג. ס׳איז מקויים געוואָרן דער חלום — „יפיפותו של יפת באהלי שם״ (גריכישע שיינקייט זאָל זיין אין יידישע געצעלטן).

אַרום דער איבערזעצונג איז פאַראַן אַ שלל לעגענדעס, ס׳איז פאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור. און כאָטש מיר ווייסן היינט, אַז די איבערזעצונג איז נישט געמאַכט געוואָרן פון צוויי־און־זיבעציק חכמים און נישט לויטן פאַרלאַנג פון עגיפּטישן תלמי דעם צווייטן, ווייסן מיר אָבער אויך, אַז דער מחבר פון די איבערזעצונג־לעגענדעס, אַריסטיאַס, איז געווען אַ ייד, נישט קיין גוי, נישט קיין הויף־מענטש ביים קיניג.

נישט געקוקט דערויף, איז פאַראַן אַ סך אמת אין אַריסטיאַס בריוו.

אין יאָר 132 פאַר קריסטוסן, ווען בן־סיראַס אייניקל איז געקומען קיין אַלעקסאַנדריע, איז שוין כמעט גאַנץ תנ״ך געווען איבערגעזעצט אין גריכיש. די איבערזעצונג האָט זיך געצויגן אַ 150 יאָר. הייסט עס, מען האָט אָנגעהויבן איבערצוזעצן די תורה אין גריכיש אַן ערך 280 יאָר פאַר קריסטוסן. דאָס איז אין דער צייט פון תלמי פילאַדעלפוס.

דורך גריכיש איז די ליטעראַטור פונעם ייד געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער מענטשהייט. אָן דער גריכישער איבערזעצונג וואָלט אוממעגלעך געווען אייראָפּע זאָל ווערן קריסטלעך. אָן דער סעפּטואַגינטע וואָלט מען

נישט געהאַט קיין יידיש־אַלעקסאַנדרישע ליטעראַטור, קיין יידיש־אַלעק־סאַנדרישע פילאָזאָפיע.

וואו אַן אַנטראָפּאָמאָרפישער באַגריף אין דער תורה — איז ער אין דער איבערזעצונג אָפּגעווישט געוואָרן. פון „גאָטס האַנט" איז געוואָרן „גאָטס מאַכט". דערצו איז די גריכישע שפּראַך געווען מער מסוגל אויפצונעמען די פילאָזאָפישע באַגריפן.

„ויברא אלהים את האדם בצלמו" — און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש אין זיין געשטאַלט — אין דעם זאַץ איז נישטאָ קיין רמז, קיין אַנ־דייט פון פילאָזאָפיע. אין דער סעפּטואַגינטע איז דאָס וואָרט „בצלם" — געשטאַלט — איבערגעזעצט געוואָרן מיטן וואָרט „איקאָן", וואָס דערמאָנט שוין אַ פּלאַטאָנישע אידייע. דער גריכישער אויסדרוק אַנטהאַלט מער ווי דער העברעאישער, דערמיט האָבן זיך באַנוצט די יידיש־גריכישע אויס־טייטשער און אַריינגעבראַכט אין דער תורה פּלאַטאָנס אידייען־לער'ע.

נעמט דעם פּסוק אין שמות: „ויעלו משה ואהרן... ויראו את אלהי ישראל" — און משה און אהרן זענען אַרויפגעגאַנגען... און האָבן געזען דעם גאָט פון ישראל. די סעפּטואַגינטע זעצט איבער אַנשטאָט „געזען גאָט", — „געזען ס'פּלאַץ", געזען דעם „מקום". דאָס איז ס'ערשטע מאָל, וואו גאָט ווערט באַצייכנט מיטן וואָרט „מקום". און פון דער סעפּטואַגינטע, פון גריכישן, איז עס אַריבער אין העברעאיש, ס'איז געוואָרן אַ שטיק פון אונדזער וועלט־קוק.

ס'ערשטע בוך אין דער וועלט־ליטעראַטור, ס'ערשטע בוך פון גרויס באַדייט, פון גרויס פאַרנעם, איבערגעזעצט צו ווערן, איז געווען דער תנ"ך.

די גריכישע איבערזעצונג, די סעפּטואַגינטע, אָדער ווי זי הייסט ביי אונדז „תרגום השבעים", איז נישט געווען די ערשטע איבערזעצונג. שוין עזרא אין פינפטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן, האָט געלייענט די תורה פאַרן פאָלק ישראל און זי גלייך איבערגעזעצט אין אַראַמיש, ווי ס'שטייט אין נחמיה: „ויקרא בספר בתורת האלהים מפורש". אויפן וואָרט „מפורש" זאָגן אונדזערע חכמים, אַז עזרא האָט געלייענט די תורה אין לשון־קודש און זי גלייך איבערגעזעצט אין אַראַמיש.

ווייזט אויס, אַז יידן, ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון בבל, האָבן שוין נישט גערעדט קיין העברעאיש. די תרגומים, די איבערזעצונגען, זע־נען אָבער נישט געווען קיין געשריבענע. ס'איז אַלץ געווען בעל־פּה. דער

איבערזעצער, דער „תרגמן", איז געשטאַנען הינטערן „בעל־קורא". ער האָט נישט געטאָרט אָנשפּאַרן די הענט אין שולחן. ער איז געשטאַנען גלייך, ווי פאַר מלכות און אויף אויסנווייניק איבערגעזעצט יעדן פּסוק, אים איבערגעזעצט מיטן זעלבן ניגון און מיט דעם זעלבן טראָפּ ווי דער בעל־קורא. דערצו זענען העברעאיש און אַראַמיש לייבלעכע שוועסטער. דער אַראַמישער תרגום איז נישט בלויז אַן איבערזעצונג. תרגם איז אויך טייטש — באר, פּרש — פאַרטייטשן.

אין די איבערזעצונגען פון תנ"ך ליגט שוין ס'וויגעלע אָנגעגרייט פאַר דער „צאינה וראינה", וואָס וועט געבאָרן ווערן אין אַ פּויליש שטעטל מיט איבער צוויי טויזנט יאָר שפּעטער. אין די תרגומים גנבט נישט רחל איר פאָטערס תרפים. זי נעמט זיי בלויז צו. לאה האָט נישט קיין רויטע, פאַרוויינטע אויגן. זי האָט שיינע, ליכטיקע אויגן. משה האָט נישט חתונה געהאַט מיט אַן „אשה כושית", מיט אַ נעגערטע. ווי פּאַסט עס טאַקע פאַר משהן? ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיינער פרוי.

מיט די אַראַמיש־איבערזעצונגען האָבן זיך באַנוצט די יידן פון ארץ־ישראל, פון בבל. אין די צייטן פון די תנאים, פון די ערשטע אמוראים איז ארץ־ישראל געווען דער שאָפער, בבל — דער איבערנעמער. און דאָרט, וואו מען האָט נישט גערעדט קיין אַראַמיש, אין מדי, אין פּרס, אין מצרים, האָט מען די תורה געלייענט אין די לאַנדשפּראַכן, וואָס יידן האָבן גערעדט.

אַ יידישער דיכטער פון צווייטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן זאָגט: „נישטאָ קיין לאַנד אויף דער וועלט, ס'זאָלן דאָרטן נישט זיין קיין יידן". האָט דעמאָלט אַ ייד אויסגעוואַנדערט, האָט ער נישט בלויז געהאַט אַן אַדרעס פון אַ ייד, נאָר די לאַנדסלייט האָבן אים מיט פרייד אויפגענומען. און דער ייד האָט נישט געוואַנדערט אליין. גאָט איז מיט אים מיטגעגאַנגען. דער ייד האָט פאַרשפּרייט, איבער ימען, די תורה זיינע.

בשעת די תרגומים זענען געווען בלויז פאַר יידן, איז די גריכישע תורה־איבערזעצונג, די סעפּטואַגינטע, געווען פאַר יידן און נישט־יידן.

ווי קומט עס אָבער, וואָס אין דער צייט פון ר' עקיבאַן האָבן יידן זיך ווידער געניייטיקט אין אַ נייער גריכישער איבערזעצונג? אין דער עקילס־איבערזעצונג? ווער האָט זי געדאַרפט? און צוליב וואָס האָט מען זי געמאַכט?

דער ענטפער איז אַ פּשוטער — דאָס דעמאָלטדיקע יידישע לעבן האָט געפאָדערט נאָך אַן איבערזעצונג. הונדערטער טויזנטער יידן האָבן נאָך אַלץ גערעדט גריכיש און די יידן האָבן זיך מער נישט געקענט באַנוצן מיט דער סעפּטואַגינטע.

אין פילאָנס צייטן איז ביי די גריכיש־רעדנדיקע יידן די סעפּטואַגינטע געווען אַזוי הייליק, ווי דער העברעאישער אָריגינאַל. אין איין יאָרהונדערט נאָך פילאָנען האָט זיך אָבער אַלץ געהאַט געענדערט. אין דעם זעלבן יאָרהונדערט איז געווען יעזוסעס געבורט און זיין וואַקסן. די קריסטן האָבן נישט בלויז איבערגענומען די סעפּטואַגינטע, זיי האָבן אויך ביים איבערשרייבן זי געמאַכט אויסבעסערונגען, וואָס זאָלן פּאַסן פאַרן קריסטנטום.

יידן האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס וואָרט „קריסטאָס" אין דער סעפּטואַגינטע, וואָס איז נישט מער ווי אַן איבערזעצונג פונעם וואָרט „משיח" — דער געזאַלבטער. יידן האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס וואָרט „יעזוס", וואָס איז נישט מער, ווי אַן איבערזעצונג פונעם וואָרט „יהושע". און צווישן גריכישע יידן איז יעזוס־יהושע געווען אַ פּאָפּולערער נאָמען. די קריסטן האָבן אויך גענומען איבערשרייבן די סעפּטואַגינטע. יוסטינוס, דער הייליקער, עקילסעס אַ מיטצייטלער, האָט באַשולדיקט די יידן, אַז זיי האָבן געפעלשט דעם פּסוק: „אמרו בגוים יהוה מלך" — זאָגט צווישן פעלקער גאָט טוט קיניגן. אין זיין סעפּטואַגינטע איז געשטאַנען: „זאָגט צווישן פעלקער: „גאָט טוט קיניגן פונעם קרייץ".

יידן האָבן אָפּגעוואָרפן די סעפּטואַגינטע און מיט דער הילף פון ר' עקיבאַן, מיט דער הילף פון ר' יהושע בן חנניהן, האָט דער גר, עקילס, געמאַכט אַ נייע איבערזעצונג.

מיט דער נייער איבערזעצונג האָבן יידן באַקעמפט קריסטנטום. זואו אַ גריכישער געדאַנק, אָדער אַ קריסטלעכער אָנדייט, האָט עקילס אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט. ער האָט נישט בלויז איבערגעזעצט ווערטערלעך די תורה. ער האָט אויך פאַריידישט דעם גריכישן סינטאַקסיס. נישט אומזיסט האָט מען אים באַשולדיקט, אַז ער זעצט נישט איבער קיין ווערטער, ער זעצט איבער טראָפּן. ער האָט אַפילו געשאַפן אַ וואָרט אין גריכיש פאַרן העברעאישן אַקוזאַטיוו „את". גאָטס נאָמען „יהוה" האָט ער נישט איבערגעזעצט, ווי די סעפּטואַגינטע „קיריאָס" — האַר, אדוני. ער האָט אומעטום

איבערגעלאָזט דעם נאָמען „יהוה" אין דעם אַלטן יידישן כתב, אין דעם „רעץ"-כתב.

און אַזוי וויקלען זיך אַרום דעם תנ"ך — דורות דורות. פון די תנאים צו די גאונים. פון די גאונים צום יידישן רענעסאַנס אין פינצטערן מיטל-אַלטער. פונעם יידישן רענעסאַנס ביז צום היינטיקן טאָג.

טויזנטער יאָרן ווי דער ייד וויקלט די תורה, קושט זי, צירט זי אין מענטעלעך, אין קרוינען. ער ציילט די אותיות, היט אָפּ דעם כתיב מיטן קרי, האַלט הייליק די תיבה, דעם ארון-קודש. דער ייד האָט טראַקטאַטן ווי נאָך צו מאַכן טינט, ווי אויסצואַרבעטן פּאַרמעט, נייען יריעות, שרייבן אַ פּערלדיקן כתב.

טויזנטער יאָרן ווי יעדער ייד האָט זיך זיין ווינקעלע פּאָר ספרים, זיין ספרים-שענקל, זיין שטיקל ביבליאָטעק. און ייד איז סינאָנים צום ספר. יאָגט מען יידן, מען ברענט זיי — ברענט מען אויך זייערע ספרים. מיר האָבן דאָ כראָניקעס און קינות, וואָס באַשרייבן און באַוויינען די רדיפות אויף ספרים. און דאָס לעבט יעדער ייד איבער.

איך אַליין דערמאָן זיך אַ נאַכט אין פּאַריז.

ס'איז געווען 1901. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין אַ שטומער וועלט פון הייזער און שאָטנס. כ'בין פאַרבייגעגאַנגען די טורעמס פון נאָטערדאַם, דעם קופּאָל פון פּאַנטעאָן. די שטומע שטיינער האָבן מיר דערציילט פון לודוויק דעם ניינטן, וואָס האָט געהייסן צונויפנעמען אַלע גמרות פון פראַנקרייך און זיי עפנטלעך פאַרברענען אויפן פּלאַץ, וואו איך בין גע-שטאַנען.

אַרום די געביידעס האָבן זיך גענומען שאַרן שאָטנס, מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער פינצטערניש פאַרשטיקטע קולות.

איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן, געוואָלט זען צי די דאָמיניקאַנער רוקן זיך נישט פון הינטער דעם קיניגלעכן שלאָס.

כ'האָב קיינעם נישט געזען. די וואַך-זעלנער האָבן געשפּאַצירט היך און-צוריק מיט די ביקסן אין די הענט. די אַלטע ביימער מיט די נאַקעטע צווייגן האָבן געקרעכצט און צווישן די פליגלען פון די געביידעס האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ פּייף, ווי די שטומע שטיינער, וואָס ווייסן אַלץ און שווייגן, וואָלטן געגעבן אַ געהיימען צייכן מען זאָל זיך היטן.

כ'האָב זיך אַרומגעקוקט. ס'האָט זיך געעפנט אַ טירל און ס'איז אַרויס-

געקומען דער משומד דונין. נאָך אים אַ פּראָצעסיע דאָמיניקאַנער. דער משומד האָט באַוויזן דעם לעצטן פון די בעלי־תוספות, דעם גרייז־גרויען ר׳ יחיאלן.

פון הינטער די פינצטערע געביידעס זענען אָנגעלאָפן פאַרבלוטיקטע יידן. זיי האָבן געשריגן נישט מיט קיין מענטשלעכע קולות. און דאָס פּעבל, ווילד פון פרייד, האָט געצוואונגען די יידן צו קוקן, ווי מען פאַרברענט די גמרות, אויפן זעלבן אָרט, וואו דעם רמב״ם׳ס קענגער האָבן געהייסן פאַרברענען דעם „מורה־נבוכים״.

טויזנטער גמרות האָבן געפלאַקערט. די פייערדיקע אותיות האָבן איינגעהילט די שטאָט אין פלאַמען, געוויינט — „איז דאָס די תורה און דאָס איז איר שכר?״

און צווישן די געשרייען האָט זיך געפלאָנטערט דער ניגון פון דער ישיבה, וואו דער גרייז־גרויער ר׳ יחיאל האָט געלערנט מיט זיינע הונדערטער תלמידים, געלערנט פון אויסווייניק, אָן גמרות. אויפגעהאַלטן כ׳פייער, געגעבן דעם ייד כוח און בטחון.

און דאָס איז נישט בלויז אין פּאַריז געווען. דאָס איז אויך געווען אין סורא, אין פומבדיתא, אין קיירואַן, אין קאָרדאָווע, אין מיינץ, אין אַמסטערדאַם, אין ווין, אין פּויזן, אין לובלין, אין וואַרשע.

און נישט בלויז אַמאָל. אויך היינט. אָט איז אַ בילד פון פּוילן אויף צומאָרגנס נאָכן חורבן.

סוף סעפּטעמבער 1939. ס׳איז נאַכט. שוין פיר מעת־לעת ווי ס׳שלעפּט זיך אַ פּאַסאַזשיר־צוג פון וואַרשע קיין ווילנע.

עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי. דאָס געשריי, אַ שפּיציקס, האָט זיך געקייקלט דורך דער פינצטערניש. פון אַלע זייטן קולות:

— טאַ לאָז ער עפענען די וואַליז!

— ער וויל נישט?

— נעמט ביי אים צו די וואַליז און וואַרפט אים אַרויס פון וואַגאָן!

— נעמט אים, חברה! נעמט דעם ייד!

דאָס געשריי האָט נישט געלאָזט איינזיצן, געשטאָכן די אויערן. אַ בלאָנדע דאַמע האָט זיך געבעטן ביי אַ גלח:

— זיי קענען דאָך טאַקע דעם ייד אַרויסוואַרפן.

דאָס געשריי איז געוואָרן גרעסער. די דאַמע האָט אַריינגעכאַפּט ס׳פּנים אין ביידע הענט אַריין, זיך שיר נישט צעוויינט:

— כ׳קען נישט הערן!

דער גלח האָט זיך אַ הייב געטאָן. ער איז אַריין צווישן די פּאַסאַזשירן, האָט זיך געפרעגט:

— וואָס איז דאָ?

— דער ייד באַהאַלט עפּעס פון אונדז, — האָט דער הויפּט-טומלער געמאַכט פּלאַץ פאַרן גלח — פירט עפּעס אַרוים פון וואַרשע.

— וואָס פירט ער?

— דאָס ווילן מיר וויסן.

עמיצער האָט אָנגעצונדן דאָס שטיקל ליכט אין דער לאַמטערנע. אויגן — פאַרשלאָפענע, איבערגעשראָקענע. בלויז דער טומלער, אַ געלער, גע־פּאַקטער גוי, וואָס איז ענלעך אויף אַ קוילער, צי אויף אַ חזיר-הענדלער, בלויז ער האָט איינגעלייגט וועלטן.

אַ יונגער ייד, אַן אויסגעמאָגערטער, אין די אויגן טרויער, האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט געוויזן דעם גלח אויף דער אָפּגעריבענער, צעראַ־טענער וואַליז, און זי געעפנט:

— פּאַניע קזשענדזו, איר זעט וואָס איך פיר? דעם אַלטן מעסטאַמענט און אַנדערע הייליקע ספרים. כ׳האָב איבערגעלאָזט אין וואַרשע אַ הויז, אַ געוועלב. פון מיין גאַנץ פאַרמעגן האָב איך בלויז דאָס געראַטעוועט. און דער פאַרשוין — האָט דער ייד אָנגעוויזן אויפן געלן פּאַליאַק — האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר. אַז כ׳פיר... כ׳וויים וואָס? פרעגט אים! ער וויל מיך דווקא אַרויסוואַרפן מיט דער וואַליז פון וואַגאָן, מיינט, אַז אַ ייד איז אַ כישוף-מאַכער, וועט נישט דערהרגעט ווערן.

ס׳געלעכטער ביים עולם איז געבליבן שטעקן אין האַלדז. מען האָט זיך פאַרשעמט פאַרן אייגענעם חורבן. אַ פּאָליאַק האָט געזאָגט צום גלח:

— דער פאַן קשאָנדזש האָט געזען, וואָס אַ ייד האָט געראַטעוועט

פונעם חורבן? אָט־דאָ, אין דער אַלטער קולטור, זייערע, דאַרף מען זוכן דעם כוח, וואָס האַלט יידן אויף...

און נישט בלויז טרויער איז געלעגן אינעם יידס באַציאונג צום ספר, צום בוך. אויך פרייד, אַ סך פרייד איז פאַרבונדן מיטן בוך. די פרייד פונעם יידישן קינד, וואָס האָט אָנגעהויבן צו לערנען חומש. נישט אין איין יידישער שטוב איז די פרייד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ספּעקטאַקל פאַר קינדער. די פרייד פונעם חתן־בחור, וואָס מען האָט אים פאַרשריבן אין די תנאים אַ ש"ס, די רמב"מס. די סעודות נאָכן פאַרענדיקן אַ מסכתא, די פרייד פון שמחת־תורה. אָט־די פרייד דאַרף מען ערשט אויפפאַרשן.

אונדזערע בוכהענדלער דאַרפן זיך לערנען ביי זייערע אַמאָליקע קאָלעגן ביי די פאַקנטרעגערס ווי צו אָנאָנסירן אַ בוך.

יוסף בן יקר, אַ פאַרלעגער און אַ פאַקנטרעגער, האָט אין 1544 אָפּגעדרוקט אַ סידור אויף יידיש. ער לאָזט וויסן דעם עולם אין אַ געדרוקטן אַנאָנס, טאַקע אין זיין אייגענעם סידור, אַז זיין איבערזעצונג — אין פאַרגלייך מיט אַנדערע איז — „אַזאַ גרויסער אונטערשייד, ווי צווישן אַן אַלט ווייב און אַ יונגער מויד".

אַזאַ מין פאַרגלייך אויף די בלעטער פון אַ סידור איז געווען טיפּיש פאַר דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט, וואָס האָט זיך גערעכנט מיטן געזונטן געשמאַק פון די פאָלקסמאַסן.

לויט דעם תלמוד, לויטן „ספר הקבלה" פון ראב"ד, לויט דער צוואה פון ר' יהודה אבן־תבון, לויט דעם „ספר חסידים", לויטן „לקוטי מהרי"ל", וואָלט מען לייכט געקענט צונויפשטעלן אַ שולחן־ערוך, ווי נאָך אַ ייד זאָל זיך באַגיין מיט אַ ספר.

אַז מען לייענט די אַלע „עשהם" און „לא תעשהם" פאַרגעסט מען, אַז ס'רעדט זיך וועגן אַ בוך. מען דערזעט פאַר זיך אַ לעבעדיק נפש, וועמען „ס'עם הספר" גיט אָפּ גרויס כבוד. ס'ווערט גענוי באַשריבן ווי נאָך איינצובינדן ספרים, ווי נאָך זיי אויסצוסדרן אין „ארמרים" (ביכערשענק). ווי נאָך זיי איינצודעקן מיט טעפּיכער, זיי זאָלן נישט פאַרנעצט ווערן, און

אויב ס'טרעפט זיך אַ פאַרפלייצונג, צי אַ שרפה, איז נאָכן נפש דאַרף מען גלייך ראַטעווען די ספרים. און איצט — ווי אַרומצובינדן ספרים — ווען און ווי צו קושן ספרים. און אַז די ספרים ווערן צעריסן, ווי נאָך צו ברענגען די „שמות" צו קבורה.

און אַז ביכער זענען געווען אַזוי טייער און הייליק, האָבן זיך שטענדיק געפונען בעלנים אונטערצושלאָגן אַ ספר. פון גאָר אַלטע צייטן ביזן היינטיקן טאָג קען מען געפינען אויפשריפטן אויף ספרים קעגן גנבה.
אַט ציטיר איך דריי העברעאישע אויפשריפטן:

„רננו לאלוהנו, לו הודו,
אך לקחת הספר לא תחמודו".

אָדער:

„שמעו אלי, הטו אזניכם הקשיבו
התפללו, אחרי כן ספרי תשיבו".

אויפן רמב"מס „מלות ההגיון", אַ ירושה פון מיין ייִדן, געפינט זיך אַזאַ אויפשריפט:

„אף על פי שאסרו הכמים לכתוב על הספר, אבל לחתום שמו מותר, מפני שיש אנשים צדיקים, שאינן הולכים ד' אמות בלי נטילת ידים ונוטלים ספרים בלי מעות, אלא בעשר אצבעות".

די אַלע „אזהרות" זענען געשריבן אין העברעאיש. אין ייִדיש האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט באַגעגנט אַן „אזהרה" נישט צו גנבענען קיין ביכער.

אויף אַ ביכער ליציטאַציע אין בערלין, אין 1931, האָב איך צופעליק געקויפט אַן „הליכות עולם", מאַנטובה, שנ"ג (1593). דאָרט האָב איך געפונען אַן אזהרה פאַר גנבה, געשריבן אין ייִדיש, אין יאָר תל"א (1671). דער טעקסט לייענט זיך אַזוי:

„דאז ספר איז מיר ליפ;
ווער עז שטעליט דער איז איין דיפ;
זיין ריטר אודר קנעכיט;
הענגען איז זיין רעכיט;
היום ו׳ די תשרה(י) תל״א לפק;
דאך ווער עז וויל קויבן;
דער זאָל ניט דאָ ערפין לויבן;
דאז געליט איז עז ווערט;
איי ער אַלית פאַר שעריט;
ווען ער אָבער ניט אנדרשיט וויל;
זוא שווייג ער נומין שטיל;
דען דאז געליט פאַר גייט אוני דער דרעק בשטעיט;
דאָס ספר הזיט הליכות עולם;
ווער עז ניט קען דער אזיט איין גרוור גולם;
דער וויל וויסן וועם דאָס ספר איז;
דען עז איזט יא אויף טייטצן געדרוקט און פיל אותיות
פאר צוקיט;
דער קאב ערישט נייעא ניס;
און דוא דיא קאַרין ארויז;
דער נאך קום ער אין אונזר הויז;
ווריטער וואל זעהן וועס ער איז געווזין;
דאָס ווערט אַליז וו(פ)ינדן אים לעזין".

אָט איז אַן אויסצוג פון ר׳ יהודה איבן תיבונס צוואה: „מוסר אב" — די שטראָף־רייד פון אַ פאָטער צום זון. ר׳ יהודה אבן תיבון איז געווען אַ דאָקטאָר און אַן איבערזעצער, אָדער ווי זיין זון ר׳ שמואל רופט אים: „אבי המעתיקים" — דער פאָטער פון די איבערזעצערס. ר׳ יהודה האָט איבערגעזעצט פון אַראַביש אויף העברעאיש די ווערק פון בח״יי, יהודה הלוין און איבן גבירולס. דער ר׳ יהודה, וואָס איז געווען אַ ביבליאָפיל, האָט

געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק. ער זאָגט אָן דעם זון, דעם שפּעטערן איבערזעצער פון רמב״ם:

„זון מיינער, חבר זיך מיט דיינע ביכער. זע, אַז דיינע ביכער־שענק זאָלן זיין די לוסטגערטנער, וואו דו זאָלסט שפּאַצירן״.

„איך האָב דיך פאַרזאָרגט מיט אַ ביבליאָטעק, וועסט נישט דאַרפן באָרגן קיין ביכער, זיך דרייען א קאָפּ, ווי דיינע חברים, וואָס זוכן ביכער און געפינען זיי נישט. פון אַנדערע ביכער האָב איך דיך פאַרזאָרגט מיט צוויי, מיט דריי עקזעמפּלאַרן.

„יעדן ראש־חודש קוק איבער דיינע העברעאישע ביכער. יעדע צוויי חדשים — דיינע אַראַבישע. שטעל אויס די ביכער אַזוי זאָלסט זיי לייכט קענען געפינען. דו דאַרפסט וויסן אין וואָס פאַרער פּאָליצע, אין וואָס פאַרער שאַנק, סיבוך שטייט. אין יעדער אָפּטיילונג דאַרף ליגן די רשימה פון די ביכער וואָס געפינען זיך דאָרט. קוק אָפּט איבער דיינע קאַטאַלאָגן, זאָלסט געדענקען יעדעס בוך.

„קען איינער זיך נישט קויפן קיין בוך און קומט צו דיר, אַנטליי אים סיבוך. זע אָבער מען זאָל דיר די ביכער אָפּגעבן. טו אַכטונג אויף דיינע ביכער, וויקל איבער די ביכער־קאַסטנס מיט טעפּיכער. זע די ביכער זאָלן זיך נישט פאַרנעצן, מייז זאָלן זיי נישט עסן. געדענק אַז ביכער זענען אַ פאַרמעגן. באָרגסטו אַ בוך, פאַרצייכן דיר וועמען האָסט עס געגעבן. און אַז דו קריגסט עס צוריק, שטרייך אויס דעם נאָמען פונעם באָרגער. אויף יעדן פּסח און סוכות זע, אַז אַלע אויסליענע ביכער זאָלן זיין ביי דיר״.

אָט די ליבע, אָט־די מסירת־נפש צום ספר, צום בוך, וואָס גייען אויף אין פיין, אין ווײ, וואָס גייען אויף אין פרייד, וואָס גייען אויף אין יידיש בלוט, אָט־די ליבע צום ספר האָבן יידן אויסגעשמידט אין זיך.

אין די צייטן פון די גאונים איז אין בבל געווען אַ מנהג אָנטקעגנצושטעלן התן־כלה מיט אַן אָפן ספר, וואָס איז געווען באַליבט אין דער משפחה. אָט־דער מנהג איז פאַרבליבן ביי אונדזערע אָפּגעפרעמדטע ברידער, ביי די קאַראימען.

כ׳האָב אַ מאַנוסקריפּט פונעם קאַראימעשן ספר „חזוק אמונה״ פון ר׳ יצחק טראָקי, וואָס איז יאָרן אויך געווען אַ האַנטבוך ביי אונדזערע יידן ווען זיי האָבן דעבאַטירט מיט קריסטן. אין דעם „חזוק אמונה״ פאַרצייכנט

דער איבערשרייבער, אַז אויף זיין חתונה, צו דער חופה, האָט מען אים אַנטקעגנגעטאַנצט מיטן אויפגעמישטן „חזוק אמונה", וואָס ער האָט איבערגעשריבן, ווי מען טאַנצט ביי אונדז יידן אַנטקעגן חתן־כלה מיט הבדלות, מיט געפלאָכטענע חלות, מיט טאָרטן.

אין די פערטהאַלבן טויזנט יאָר, אויף דעם לאַנגן וואַנדערוועג, האָבן מיר, יידן, אַ פאָלק מיט אַן אַלטער, זעלבסטשטענדיקער קולטור, נישט איין מאָל געביטן אונדזער לשון. דריי פון אונדזערע גערעדטע לשונות האָבן מיר נישט בלויז איבערגעשאַפן, מיר האָבן זיי אויך באַלעבט און דערהויבן צו נאַציאָנאַלע שפּראַכן. אונדזערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן זענען — העברעאיש, אַראַמיש, יידיש. די דריי שפּראַכן זענען געקניפּט און געבונדן.

וויפיל פרייד און טרויער ליגן אין דער מאַמעס „צאינה־וראינה", אינעם טייטש־חומש, וואָס איז דער המשך אין יידיש פונעם אַמאָליקן מדרש. דער מאַמעס טרערן, איר ניגון.

יידיש הייסט — מאַמע־לשון. אונדזער מאַמע האָט זיך איינגעוויינט איר האַרץ אויף יידיש, האָט אונדז איינגעוויגט מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען", האָט פאַרפלאַנצט אין אונדז ליבע צו אירע פרימלעך, צו אירע מעשות.

דער תנ"ך־ייד, דער גמרא־ייד, דער ייד פון מיטלאַלטער און רענעסאַנס, דער וואַרשעווער ייד, וואָס ראַטעוועט זיין ביסל ספרים — דאָס זענען נישט קיין איינצלנע יידן. דאָס איז אַ גאַנץ פאָלק, דאָס איז — „ס'עם־הספר". אונדזערע גירוש־כראָניקעס זענען פול מיט אַזוינע יידן, גרויסע יידן, ווי אונדזערע אברבנאלס, ווי אונדזערע שיפערס.

ווען דער שונא האָט אין סעפּטעמבער 1939, באָמבאַרדירט וואַרשע איז אויפן גזשיבאָוו אין אַ סוכה געזעסן אַ ייד און האָט געלערנט משניות.

— טאַטע — זענען דעם יידס קינדער אָנגעלאָפן — קום אין קעלער אריין, באָמבעס פאַלן.

— יעדער שראַפּנעל, קינדער, האָט זיך זיין באַשטימטן, אָנגעצייכנטן וועג — האָט דער ייד געענטפערט און איז ווייטער געבליבן זיצן איבערן משניות.

דאָס איז דעם יידס שלאַכטפעלד, וואו קיין ארמיי איז נישטאָ, קיין פלאַט איז נישטאָ. ס'איז דאָ בלויז ס'וואָרט, ס'מענטשלעכע וואָרט — אונדזער איינציק כלי־זין.

און פאַרענדיקן מיין עסיי וועל איך מיט אַן אויסצוג פון אַ בריוו פון דעם 17־טן אַפּריל, 1938, וואָס כ׳האָב באַקומען פון אַ שפּאַניש שלאַכט־פעלד, פון פראָנט־דע־לעסטע:

„...טייערער אָפּאַטאָשו, וואונדערט זיך נישט, וואָס איר דערהאַלט אַ בריוו פון שפּאַנישן שלאַכטפעלד. דאָס שרייבט אייך אייער לאַנדס־מאַן פון מלאַווע, וואָפּקע ביילאָוויטש (מאָשקע שמש אַן אייניקל), אַ שניידער־אַרבעטער, וואָס קעמפט אין דער ערשטער ליניע פון קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם שוין 18 חדשים. אויך זיין ברודער איזאַק, וואָס איז שוין געווען שווער פאַרוואונדעט און איצט איז ער שוין צוריק אין דער ערשטער ליניע פון קאַמף.
וואָס צווינגט מיך אייך צו שרייבן?
„דאָ, אויפן שלאַכטפעלד, האָב איך איבערגעלייענט אייער ראָמאַן „1863", וואָס באַהאַנדלט דעם פּוילישן אויפשטאַנד. טייערער אָפּאַ־טאָשו, צי גיט נישט שפּאַניע די מעגלעכקייט אָנצושרייבן אַ היסטאָ־רישן ראָמאַן, אַ ראָמאַן ספּעציעל פאַר אונדז יידן? איך מיין אַז יאָ. דער אַמאָליקער יידישער ישוב, די אינקוויזיציע און איצט דער אויפ־שטאַנד פון דער שוואַרצער מאה קעגן אַלעם, וואָס איז יונג און ניי. און די צוויי טויזנט יידישע מיליציאָנערן, וואָס אַ טייל זענען שוין טויט, אָדער פאַרוואונדעט, און וואָס האָבן אַזויפיל העלדישקייטן באַוויזן, נקמה גענומען פאַר די אומגעקומענע יידן מיט 450 יאָר קריק.
„פאַרוואָס זאָלט איר נישט אָנשרייבן אַזאַ ראָמאַן, ליבער אָפּאַטאָשו? כיבעט אייך — פאַרטראַכט זיך וועגן דעם. זייט מיר מוחל פאַר מיין דרייסטקייט אייך צו געבן ליטעראַרישע עצות.

אייער, וואָפּקע ביילאָוויטש".

„נ. ב. — איך געהער צו דער פראַנצויזיש - שפּאַנישער בריגאַדע, די מאַרסעלעזע, די 44-טע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אויף די פראָנטן פון עסטע".

ווייזט מיר נאָך אַ פאָלק, וואו אַזאַ גרויסער און טיפער ייד, ווי אברבנאל זאָל האָבן זיך אידייאיש צונויפגעקומען מיט אַ שניידער־יינגל פון מלאַווע,

וואָס האָט געקעמפט און איז געפאַלן פאַרן ייד, פאַרן מענטש, פאַר גערעכ־טיקייט, און אין סאַמען ברען פון פייער האָט ער אין זינען דעם יידישן היסטאָרישן ראָמאַן, דאָס יידישע בוך?

אָט־די כוחות פאַרמאָגן מיר. אָט־די ליבע צו דער תורה, צום ספר, צום בוך, פאַרמאָגן מיר. ייד און תורה זענען סינאָנימען.

1939

אינהאַלט:

• יצחק לייבוש פרץ

• יידיש

• די אידייע פון יידיש
און פון דער
יידישער ליטעראטור

• וואָס איז יידישקייט ?

• קיום —
נישט אונטערגאַנג

• „נסים און פסוקים" —
אַן ענטפער
חיים גרינבערגן

• שלמה מולכו
און שבתי צבי

• ס׳בונד
דורך דורות